YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv13i08

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 13 Issue 8
June 1931

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 13, Iss. 8)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/500

GERECHTIGKEIT *(Justice)*

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. XIII. No. 8. **Jersey City, N. J., June, 1931** **Price 3 Cents**

דער פערטעל יערליכער מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאנאל.

עס איז געווען איינער פון די אינטערעסאנטסטע און פרוכטבארסטע מיטינגען, וואס די דזשענעראל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאנעל האט אפגעהאלטען. אויסער, וואס מען האט פון די באריכטען פון די וויס-פרעזידענטען באקומען א פולשטענדיג בילד פון דעם צושטאנד פון די טרעידס, וועלכע שטעהען אונטער דעם קאנטראל פון דער אינטערנעשאנעל, איבער'ן גאנצען לאנד, זיינען אויף דעם מיטינג אויפגעקומען א רייע פראגען פון דער ערשטער וויכטיגקייט, וועלכע וועלען האבען א גרויסע ווירקונג אויף דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון דער אינטערנעשאנעל. ניט וועגען אלע פראגען, וואס זיינען אויפגעהויבען געווארען אויף דעם מיטינג זיינען אנגענומען געווארען באשלוסען, אבער די דיסקוסיעס וועגען די פראגען האבען געהאט א וויכטיגע באדייטונג. זיי האבען אריינגעבראכט מעהר קלארקייט אין די פראגען און האבען צוגעגרייט דעם וועג צו געפינען א ריכטיגען ענטפער אויף זיי.

די באריכטען זיינען אין אלגעמיין געווען ערמוטיגענדיגע, בפרט ווען מען האט אין זינען דעם איצטיגען אלגעמיינעם געדריקטען צושטאנד אין לאנד, פון וועלכען די ארבייטער לײדען אמשטארקסטען. פון יעדען באריכט האט מען געקענט זעהן, אז דאס אנזעהן פון דער אינטערנעשאנעל איז אומעטום געוואקסען און אז א סך נייע טויזענדע זיינען גרייט זיך צו שטעלען אונטער איהר פאהן, ווען עס זאלען נאר זיין די מיטלען אנצופיהרען א גרויסען, ברייטען ארגאניזאציאנס קאמפיין.

א גרויסער טייל, אויב ניט דער גרעסטער טייל, פון די זיצונגען איז אפגעגעבען געווארען אויף אט דער פראגע. עס זיינען פאראן טויזענדער און טויזענדער וואס קענען ארגאניזירט ווערען פון דער אינטערנעשאנעל. באזונדערס זיינען עס די דרעס מאכער אין פארשידענע שטעדט פון לאנד. שיקאגא, פילאדעלפיע, מאנטרעאל, לאס אנדזשעלעס, א. אז. וו. און עס זיינען דאך פאראן טויזענדע און טויזענדע אין ניו יארק גופא וואס קענען ארגאניזירט ווערען. אין דעם גרויסען ים, וואס הייסט ניו יארק, קען די אינטערנעשאנעל שעפען ניט בלויז טויזענדע נאר צענדליגע טויזענדע נייע מיטגלידער. עס זיינען נאך פאראן א סך דרעס שעפער, וואס דארפען ארגאניזירט ווערען, עס זיינען פאראן טויזענדע ניט-גודס וואירקערס, וואס ווארטען אויף אן ארגאניזירענדע האנד, עס גרייטען זיך צו א גרויסען ארגאניזאציאנס קאמפיין די ווהאיט-גודס וואירקערס. אבער פון וואנען זאל די אינטערנעשאנעל איצט נעמען די גרויסע סומען געלד, וואס אזא גרויסע, ברייטע ארגאניזאציאנס ארבייט דארף קאסטען? און די צייט איז איצט אזעלכע, אז מען דארף זיין פארזיכטיג און גוט אויסרעכענען די שאנסען פון יעדען סטרייק, וואס מען וויל רופען.

עס איז ניט אונזער אבזיכט זיך דא אפצושטעלען אויף אלע באשלוסען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע, מיר ווילען אבער ניט אויסלאזען צו דערמאנען דעם באשלוס וועגען דעם שטרייט צווישען לאקאל 1 און לאקאל 17, ווייל מיר האלטען איהם פאר באזונדערס וויכטיג. מיר גלויבען, אז דער באשלוס, וואס זאגט, אז די צוויי לאקאלס זאלען אויפהערען אויסכאפען מיטגלידער איינער ביים אנדערען, און אז אין א שאפ דארף זיין די קאנטראל בלויז פון איין לאקאל (אדער פון לאקאל 1 אדער פון לאקאל 17 און ניט פון ביידען באזונדער), דארף און מוז מאכען א סוף צו דעם שטרייט צווישען די צוויי דערמאנטע לאקאלס. דער באשלוס איז אזעלכער, וואס דארף צופרידענשטעלען ביידע שטרייטענדע צדדים, ווייל ער ווייזט זיי א וועג און גיט זיי א מעגליכקייט דעם שטרייט אפצושאפען. און ווען דאס זאל געשעהן וועט עס זיין פון די וויכטיגסטע אויפטואונגען פון דעם מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין אטלאנטיק סיטי.

דער רעזולטאט פון דעם דרעס-מאכער סטרייק אין טאראנטא

דער סטרייק פון די דרעסמאכער אין טאראנטא איז געווען איינער פון די שווערסטע און שארפסטע קאמפען, וואס די אינטערנעשאנעל האט געהאלפען אויספעכטען אין דער לעצטער צייט צווישען קאפיטאל און ארבייט.

די דרעס מאנופעקטשורערס אין טאראנטא האבען געגלויבט, אז עס וועט זיך זיי לייכט איינגעבען אונטערצודריקען דעם אויפשטאנד פון זייערע פארשקלאפטע ארבייטער מיידלעך און זיי האבען אנפאנגס אפילו ניט געוואלט פארהאנדלען מיט זיי וועגען א יוניאן. זיי האבען אבער אויסגעפונען, אז זיי האבען זיך אפגענארט אין זייער רעכענונג. אמת, עס האט זיי געדויערט אביסעל צו לאנג עס אויסצוגעפינען און דאס האט זיי גאנץ טייער געקאסט, אבער עקשנות קאסט אפט גאנץ טייער. די מאנופעקטשורערס האבען אויסגעפונען, אז זיי דארפען פירען א קאמף ניט בלויז מיט זייערע פארשקלאפטע ארבייטער מיידלעך, נאר אויך מיט דער אינטערנעשאנאל, וואס האט דעם קאמף ארגאניזירט, געפירט און געשטיצט.

די דרעס מאנופעקטשורערס האבען פון דעם סטרייק א סך געלערענט. ערשטענס וויסען זיי איצט א סך בעסער ווער עס ארבייט ביי זיי אין די שעפער. זיי האבען זייערע ארבייטער מיידלעך געזעהן אין קאמף און זיי וועלען האבען פאר זיי א רעכט ביסעל מעהר רעספעקט. זיי וועלען איצט וויסען, אז די מיידלעך קענען ניט בלויז גוט ארבייטען. נאר אז זיי קענען אויך גוט סטרייקען. צווייטענס וויסען זיי איצט א סך בעסער ווער עס איז די אינטערנעשאנעל און, אז עס לוינט זיך מיט איהר ניט צו פארפירען קיין מלחמה.

נאר וויכטיגער ווי אלץ איז, וואס די דרעסמאכער אין טאראנטא וועלען האבען א יוניאן און א גוט ארגאניזירטע יוניאן. דער דרעס-טרעיד אין טאראנטא וועט מעהר ניט זיין הפקר און די באסעס וועלען מעהר אין איהם ניט קענען שאלטעווען און וואלטעווען ווי עס גלוסט זיך זיי.

און מיר זיינען זיכער, אז פונקט אזוי ווי די דרעס מאכער אין טאראנטא האבען ארויסגעוויזען אזוי פיל עקשנות און אויסדויער אין זייער גרויסען, שווערען סטרייק אזוי וועלען זיי אויך ארויסווייזען זייער עקשנות און אויסדויער אין אויפבויען און אין אויפהאלטען זייער יוניאן.

אויף צו דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע!

די ניו יאָרקער קלאָוק דזשאָינט באָארד רופט אַלע מעמבערס פון איהרע אַנגעשלאָסענע לאָקאַלען, זיי זאָלען זיך באַטייליגען אין דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע אויף יוניאָן סקווער, וואָס וועט געהאַלטען ווערען פרייטאָג, דעם 1טען מאַי, 2 אַזייגער בייטאָג.

די קלאָוק אָפּערייטאָרס פון לאָקאַל 1 און די פינישערס פון לאָקאַל 9 וועלען פריהער האַלטען אַ מאַי פאַרזאַמלונג אין דעם נעשאָנאַל טעאַטער, סעקאָנד עוועניו און האוסטאָן סטריט, 11 אַזייגער אין דער פריה. פון דאָרט וועלען זיי מאַרשירען צו יוניאָן סקווער זיך אַנצושליסען אַן דער דעמאָנסטראַציע.

די קלאָוק פרעסערס יוניאָן לאָקאַל 35 האָט ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אַלע פרעסערס, אונטערגעשריבען פון מענעדזשער מעקס קאָהען און טשערמאַן פון לאָקאַל וואַסיליעווסקי אויפפאָדערענדיג זיי צו באַטייליגען זיך אין דער דעמאָנסטראַציע אויף יוניאָן סקווער.

צווישען די רעדנער וועלכע וועלען אַדרעסירען די פאַרזאַמלטע ביי דער דעמאָנסטראַציע וועלען זיין נאָרמאַן טאָמאַס, י. פענקין, ב. וולאַדעק, ד. דובינסקי, דזש. האָכמאַן, מאַקס זאַריצקי, אייבראַהעם מילער און אייניגע אַנדערע.

פּרעז. שלעזינגער באַדויערט אינגערסאָל־רעזיגנאַציע

רעימאָנד אינגערסאָל, וואָס איז געווען פאַר די לעצטע זיבען יאָהר דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן אין דער קלאָוק אינדוסטריע האָט דעם 17טען אַפּריל רעזיגנירט פון זיין אַמט.

פרעזידענט שלעזינגער האָט וועגען אינגערסאָל'ס רעזיגנאַציע געמאַכט די פאָלגענדע ערקלערונג:

איך באַדויער זעהר די רעזיגנאַציע פון מר. רעימאָנד וו. אינגערסאָל. אין דעם משך פון די יאָהרען, וואָס ער איז געווען דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן פון דער קלאָוק און סוט אינדוסטריע פון ניו יאָרק, האָט ער ארויסגעוויזען א געזונטע אויפפאַסונג פון עקאָנאָמישער גערעכטיגקייט וואָס קען אָנגעווענדט ווערען צו די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אַן אינדוסטריע ווי אונזערע און אריינברענגען דעם מענשליכען עלעמענט אין די באַציהונגען פון די צדדים וואָס האָבען מיט דער אינדוסטריע צו טאָן. מעהרערע מאָל, ווען דער קאָלעקטיווער אָפּמאַך אין דער קלאָוק אינדוסטריע איז געווען אין געפאַהר האָט עס זיך מר. אינגערסאָלען איינגעגעבען צו ראַטעווען די לאַגע דורך זיין באַזונדערער פעהיגקייט אריינצודרינגען אין דעם סאַמע תוך פון דעם שטרייט און צו געפינען א געמיינזאַמען באָדען פאַר א פרידליכען אויסגלייך.

איך האָף, אז די פּערזאָן, וואָס וועט געוועהלט ווערען פון די פיר גרופּען אין דער קלאָוק און סוט אינדוסטריע צו זיין מר. אינגערסאָל'ס נאָכפאָלגער, וועט זיין געוואַקסען פאַר דעם הויכען סטאַנדאַרד, וואָס מר. אינגערסאָל האָט געשאַפען אין די זיבען יאָהר פון זיין טעטיגקייט אַלס דער הויפּט פון דער אומפּאַרטייאישער מאַשינעריע אין דער קלאָוק און סוט אינדוסטריע פון ניו יאָרק.

ביישטייערונגען צו העלפען די יוניאָן פון די נאָדעל ארבייטער אין פּוילען

אויף דעם אַפּיל פון דער יוניאָן פון די נאָדעל אינדוסטריע ארבייטער אין ווארשא פאַר הילף האָט דזשענעראַל סעקרעטער ד. דובינסקי ארויסגעשיקט אַן אַפּיל צו אַלע לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנאַל און דער ענטפער איז געווען אַן אמת ברידערליכער. ארום 90 פּראָצענט פון די באַאַמטע און אַנגעשטעלטע פון דער יוניאָן האָבען זיך שוין אָפּגערופען ביז איצט. 700 דאָלאַר זיינען שוין אָוועקגעשיקט געוואָרען און קירצליך וועט ארויסגעשיקט ווערען נאָך.

די פאָלגענדע ביישטייערונגען זיינען אריינגעקומען ביז דעם 22טען אַפּריל:

פון לאָקאַלס און דזשאָינט באָארדס: — דרעס און וויסטמייקערס דזשאָינט באָארד — 10 דאָלאַר; לאָקאַל 3 — 5 דאָלאַר; לאָקאַל 9 — 15 דאָלאַר; לאָקאַל 10 — 10 דאָלאַר; לאָקאַל 22 — 5 דאָלאַר; לאָקאַל 62 — 5 דאָל.; לאָקאַל 82 — 3 דאָלאַר; קליוולאַנד דזשאָינט באָארד 15 דאָלאַר; סט. לואיס דזשאָינט באָארד 12 דאָלאַר.

פון דזשענעראַל אָפיס: סאַלוואַטאָרע ניני — 5 דאָלאַר; דייוויד דובינסקי — 15 דאָלאַר; אָפיס סטעף — 15 דאָלאַר; הערי וואַנדער — 5 דאָלאַר; מאַקס ד. דאַניש — 5 דאָל.; דר. ב. האָפמאַן — 5 דאָלאַר; ר. רענדע — 5 דאָלאַר; דזש. האַלפּערן — 5 דאָלאַר; אברהם ראָזענבערג — 5 דאָלאַר; דזשעק גראָסמאַן — 5 דאָלאַר; פ. דיוואָנגע — 5 דאָלאַר.

קלאָוקמייקערס' דזשאָינט באָארד: — באָסטאָן באָארד — 25 דאָלאַר; איזידאָר נאַגלער — 10 דאָלאַר; מ. דזש. אַשבעס — 5 דאָלאַר; משולם דזשייקאָבסאָן — 3 דאָלאַר.

דרעסמייקערס דזשאָינט באָארד: דזשוליוס האָכמאַן — 5 דאָל.; א. קרוועלאַ — 5 ד.

לאָקאַלע באַאַמטע:

לאָקאַל 1: לואיס לוויי 5 דאָל.; בענדזש. מאַזער 2 דאָלאַר; י. אַמקין 3 דאָלאַר; בענדזש. קאַפּלאַן 2 דאָלאַר; הערי אוידלאַנד 2 דאָלאַר; מ. פיינבערג 2 דאָלאַר; ל. גאָלדסטיין 2 דאָלאַר; א. דייווידאָוו 3 דאָלאַר; י. בראַונער 5 דאָל.; פ. קאָופמאַן 2 דאָלאַר; דזש. גאָלאָב 2 דאָלאַר; ר. צוקערמאַן 3 דאָלאַר; ת. פריד 2 דאָלאַר; ב. גאָלאָב 2 דאָלאַר.

לאָקאַל 3: ס. לעפּקאָוויץ 2 דאָלאַר.

לאָקאַל 9: נ. קווירצמאַן 5 דאָלאַר; קאַרל בערקאָוויטץ 5 דאָלאַר; דזש. מ. ראָזענבלאַט 3 דאָלאַר; א. שוואַרץ 2 דאָלאַר.

לאָקאַל 10: ס. פּערלמוטער 10 דאָלאַר; ל. בינגער 3 דאָלאַר; מ. פאַליקאָוו 5 דאָלאַר; מאַקס סטאָלער 5 דאָלאַר; ס. לידער 5 דאָלאַר; מ. וו. דזשייקאָבס 3 דאָלאַר; מ. גאָרדאָן 3 דאָלאַר; ל. סטאָלבערג 3 דאָלאַר.

לאָקאַל 17: דזש. העלער 5 דאָלאַר; דזשעק סניידער 3 דאָלאַר; דזש. סטאַנקעוויטש 3 דאָל.; מייער פּערשאָוויץ 3 דאָלאַר; אברהם בעלסאָן 3 דאָלאַר.

לאָקאַל 22: נ. מ. מינקאָף 2 דאָלאַר; אייבראַהעם סטאָום 2 דאָלאַר; הערי מיללער 2 דאָלאַר; דזשאָו ראַבינאָוו 1 דאָלאַר; אַרבייטער און בען גערשעל דרעס 5 דאָלאַר.

לאָקאַל 23: סעמיועל פרימעד 5 דאָלאַר.

לאָקאַל 35: מאַקס קאָהען 5 דאָל.; משאָס. אָרענסקי 2 דאָלאַר; מ. קאַראָלינסקי 3 דאָלאַר; משאָס. טשערקעס 3 דאָלאַר; מאָריס קאָוולער 3 דאָלאַר; י. וואַסיליעווסקי 5 דאָלאַר; מ. גאָלדאָווסקי 2 דאָלאַר; מ. גאָלדסטיין 3 דאָלאַר.

לאָקאַל 48: ער. מאַליסאַני 5 דאָלאַר; אַלזיאַ ריפּיטשי 5 דאָלאַר; א. קאַמפּאַנע 3 דאָלאַר; דזש. פּימפּיאַנע 1 דאָלאַר; משאָס. קאַראַפּענוטאַ 3 דאָלאַר; מ. מאַריקאַנדאַ 2 דאָלאַר; א. איננגולי 2 דאָלאַר; פראַנק פידאַלאַ 5 דאָל.; ס. דעסטי 5 דאָלאַר; פ. מעראַנע 1 דאָלאַר; ע. פּימפּיאַנע 2 דאָלאַר; פ. קאַטונאַלע 2 דאָלאַר; ס. טשיאַרטשיאַרא 2 דאָלאַר; פ. מוטשיגראָסאַ 2 דאָלאַר.

לאָקאַל 62: סעמיועל שאָר 3 דאָלאַר; מערי גאָף 1 דאָלאַר; אייבראַהעם סניידער 2 דאָלאַר.

לאָקאַל 89: ל. אַנטאָניני 5 דאָלאַר; פ. אַליוואַ 2 דאָלאַר; דזש. עגימאַ 2 דאָלאַר; מאַרגאַרעט די מאַדזשיאַ 2 דאָלאַר; פ. סאַלערנאָ 2 דאָלאַר; ס. יאַנדאָלי 2 דאָלאַר.

לאָקאַל 91: הערי גרינבערג 5 דאָלאַר.

רוס'שער פּוילישער בראַנטש (קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד): דזש. זאַנקאַ 2 דאָל.

באַלטימאָר: סאָול מעטץ 3 דאָלאַר.

באָסטאָן: אָפיס סטעף דזשאָינט באָארד 15 דאָלאַר.

שיקאַגאָ: מ. ביאַלים 2.50 דאָל.; מ. נאָוויק 2.50 דאָל.; מ. א. גאָלדסטיין 2.50 דאָל.; פ. ראַבינאָוויץ 2.50 דאָל.

לאָס אַנדזשעלעס: דזש. ברעסלאַו 10 דאָלאַר; לואיס פּאַין 6 דאָלאַר.

מאָנטרעאַל: איזראַעל פיינבערג 5 דאָלאַר; אַלבערט אייטאַן 5 דאָלאַר.

פילאַדעלפיא: עליאַס רייזבערג 5 דאָל.

סאַן פראַנציסקאָ: אייבראַהעם פּלאָטקין 10 דאָלאַר.

טאָראָנטאָ: א. קירזשנער 5 דאָלאַר; ס. קראַיזמאַן 3 דאָלאַר; א. לאַנדאָן 3 דאָלאַר; בערנאַרד שעין 5 דאָלאַר; ת. ד. לאַנגער 3 דאָל.

קליוולאַנד: משאַרלז קריינדלער 5 דאָלאַר; אַב. קאַטאָווסקי 5 דאָלאַר.

פאַרבייגעהענדיג

פון צביון.

ווען פרעהט זיך א הויקער? — ווען ער זעהט א גרעסערען הויקער פון זיך.

די קלאָוקמאכער זיינען אין פארגלייך מיט אנדערע מאכערס די לעצטע פאר תרשים געווען די קלענערע הויקערס. די מייסטע קלאָוקמאכער זיינען דעם סעזאָן געזעסען אין די שעפּער און האָבען געארביים. אין מעהרערע שעפּער האָט גראָד דער סעזאָן אָנגעהאלטען אביסעל לענגער ווי געוועהנליך. און דאָס איז אין א צייט, ווען די אַלגעמיינע ארבייטסלאָזיגקייט אין לאַנד האָט זיך כמעט ניט פארקלענערט, לויט די ציפער, וואָס די אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט געזאמעלט.

און עס איז אַן אנגענעמער געפיהל צו האָבען ארביים, ווען מיליאָנען ארבייטער זוכען ארביים און קענען ניט געפינען. עס איז אפשר אַן עגאָאיסטישער געפיהל, אָבער אזוי איז דאָס שוין. אָבער דאָס גופא באַווייזט טאַקע אין וואָס פאר צרה'דיגע געזעלשאפטליכע סיסטעם מיר לעבען, אז מענשען דארפען זיך גאָר פרעהען דערמיט, וואָס זיי קריגען א געלעגענהייט עקספּלואַטירט צו ווערען.

נאָר זאָלען די קלאָוקמאכער קיין טעות ניט מאכען און מיינען, אז איך וויל זיי זאָגען, אז זיי דארפען זיך פיהלען גליקליך, וואָס זיי זיינען קלאָוקמאכער. דאָס גראָד ניט. עס זיינען פאראַן אין אמעריקע בעסערע באשעפטיגונגען ווי קלאָוקמאכעריי. איך גלויב, אז ווי שלעכט די געשעפטען פון דעם שטאָל־טראָסט זאָלען דאָס יאָהר ניט זיין, האָט טשארלז שוואב דאָך דעם ספּרינג סעזאָן „פארדינט" מעהר ווי דער בעסטער קלאָוקס־אָפּערייטאָר. איך וויל אָבער זאָגען, אז די קלאָוקמאכער דארפען ניט מיינען, אז זיי זיינען די מייסט געקריוודעטע אויף דער וועלט.

מיר געפעלען ניט מענשען, וואָס זיינען שטענדיג צופרידען. אויסער, וואָס זיי זיינען לאַנגווייליג, זיינען זיי די גרעסטע שטערונג פאר יעדען פּראָגרעס. מענשען, וואָס זיינען שטענדיג צופרידען, וועלען ניט קעמפען פאר פארבעסערונגען. דאָס זיינען די אומצופרידענע, וואָס קעמפען און שטופּען די וועלט פאָרווערטס.

אָבער אומצופרידענהייט מיינט ניט זיין א שטענדיגער „קיקער" אָדער א שטענדיגע קלאָג־מוטער.

* * *

הענרי פאָרד האָט געמאכט אַן ערקלערונג, אז מען טאָר ניט פארקלענערען די ווייזשעס פון די ארבייטער, ווייל דורך פארקלענערען די ווייזשעס פון די ארבייטע ווערט די קויף - קראַפט פון די ארבייטער פארקלענערט ווערען און דער אינדוסטריעלער קריזיס ווערט ממילא נאָך שטאַרקער ווערען. און דזשאהן וויליאמס, פּרעזידענט פון דער ווירטאָן שטאָהל קאָמפּאני האָט געזאָגט דאָס עהנליכע. ער האָט אָנגעוויזען, אז א מיליאָן ארבייטער זיינען באשעפטיגט אין דער שטאָל אינדוסטריע פון לאַנד און אויב מען זאָל פארקלענערען זייערע ווייזשעס, וועט דאָס מיינען, אז מען האָט פארקלענערט די קויף־קראַפט פון א מיליאָן מענשען און עס וועט פאר דער אינדוסטריע און האנדעל נאָך שווערער ווערען צו קומען צוריק צו זיך. דערביי האָט ער אויך באמערקט, אז שטאָל וועט גאַנץ ווייניג ביליגער ווערען דורך פארקלענערען ווייזשעס. אזא ערקלערונג האָט לעצטענס אויך געמאכט פּאַרעל פון דעם יונייטעד סטייטס סטיל טראַסט און שוואב פון בעטלעהעם סטיל טראַסט. ענדריו מעלאָן, דער באַלעבאָס פון די פינאַנצען פון הואווער'ס רעגירונג, האָט אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאלטען פאר דעם אינטערנאַציאָנאַלען טשיימבער אָוו קאָמערס קאָנגרעס, געוואָרענט די פאבריקאַנטען און אונטערנעמער פון אמעריקע געגען פארקלענערען די ווייזשעס פון זייערע ארבייטער און אַנגעשטעלטע. אויך זיין ארגומענט איז געווען, אז פון שניידען ווייזשעס וועט די לאַגע פון אינדוסטריע און האנדעל נאָך ערגער ווערען. איז עס דאכט זיך קלאָר גענוג, אז מען טאָר קיין ווייזשעס ניט שניידען, אָבער עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז מען שניידט דאָך.

הענרי פאָרד אליין שניידט טאַקע ניט קיין ווייזשעס, ווייל ער ווייס גאַנץ גוט, אז ווען ער וועט שניידען די ווייזשעס ביי זיינע ארבייטער, וועלען זיי ניט קענען קויפען זיינע אויטאָמאָבילען. ווערען דאָך פאָרד'ס אויטאָמאָבילען אין א גאַנץ גרויסער מאָס געקויפט פון ארבייטער. אָבער עס זיינען פאראַן א סך פאבריקאַנטען אין אמעריקע, וואָס מאכען אנדערע חשבונות, ווי פאָרד. אין פּרינציפּ זיינען זיי טאַקע איינפארשטאַנען מיט הענרי פאָרד און מיט אנדריו מעלאָן, אז די אינדוסטריע און דער האנדעל פון לאַנד וועט ליידען, ווען מען וועט שניידען די ווייזשעס ביי די ארבייטער, אָבער פאר זיך אליין מאכען זיי זיך אַן אויסנאַם.

קיינער דארף זיך ניט נארען און איינריידען, אז מיט מוסר רייד וועט מען אָבהאַלטען די אמעריקאַנער פאבריקאַנטען און אונטערנעמער פון שניידען ווייזשעס. און אויב ענדריו מעלאָן האָט זיך שוין יאָ דערטראַכט דערצו, אז דער קריזיס אין לאַנד וועט גרעסער ווערען ווען מען וועט שניידען ווייזשעס, דאַן דארף ער מאַכען א שריט ווייטער. ער דארף אונטערשטיצען די פאָדערונג, אז עס זאָל דורכגעפירט ווערען א געזעץ וועגען א מינימום ארבייטס־לוין. און ווען עס וועט זיין א געזעץ, וואָס וועט ניט דערלאָזען שניידען די ווייזשעס פון די ארבייטער, דאַן וועלען ניט זיין נויטיג קיין מוסר רייד צו באווייזען די פאבריקאַנטען און די אונטערנעמער, אז פאר זיי אליין טויג ניט אראָפּצונעמען פון די ווייזשעס פון זייערע ארבייטער אין דעם איצטיגען קריזיס.

אָבער זייט זיכער, אז ענדריו מעלאָן וועט מיט אלע זיינע כוחות באקעמפען א געזעץ וועגען א מינימום ארבייטס־לוין.

* * *

אין דעם איבערזיכט פון מאַי נומער „פעדערײשיאָניסט" וועגען דער איצטיגער ארבייטסלאָזיגקייט אין לאַנד, ווערט עס אויך אָנגעגעבען די הילף, וואָס די ארבייטסלאָזע האָבען באַקומען פון צדקה אַנשטאַלטען. אין דעם איבערזיכט ווערט דערצעהלט, אז אין 81 שטעדט האָבען פארשידענע צדקה אָרגאַניזאַציעס אויסגעגעבען אין חדש פעברואַר צעהן מיליאָן דאָלאַר צו שטיצען 400 טויזענט ארבייטסלאָזע פאמיליעס. עס איז לייכט אויסצורעכענען, אז די שטיצע איז געווען ניט קיין איבעריגס גרויסע. אין א דורכשניט, 25 דאָלאַר א פאמיליע. נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען ניט אזוי שלעכט, ווען אזא שטיצע וואָלט געגעבען ווערען יעדען חודש. איז אָבער די מעשה, וואָס די שטיצע איז געגעבען געוואָרען בלויז פאר דעם חודש פעברואַר. אָבער ניט וועגען דעם אליין האַנדעלט עס זיך.

ווי באַקאַנט איז די געגנערשאַפט פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר געגען אַן ארבייטסלאָזען פארזיכערונגס־פאָנד פון דער רעגירונג הויפּטזעכליך באַגרינדעט אויף דעם, וואָס זי באַטראַכט עס פאר צדקה און זי וויל ניט, אז די אמעריקאַנער ארבייטער זאָלען דארפען אָנקומען צו צדקה. נו, דער וואונש צו פארמיידען צדקה פאר די אמעריקאַנער ארבייטער איז געווים זעהר א נאָבעלער, הגם עס איז שווער צו פארשטעהן ווי אזוי מען קען באַטראַכטען אַן ארבייטסלאָזען פארזיכערונגס פאָנד פון דער רעגירונג פאר צדקה. אָבער דער פאַקט איז דאָך, אז די אמעריקאַנער ארבייטער זיינען געצוואונגען אָנצוקומען צו צדקה. דאָס דערצעהלט דאָך די אמעריקען פעדערײשאָן אליין. און אויב אזוי, איז דאָך א סך שעהנער און ווירדיגער אָנצוקומען צו רעגירונגס־צדקה, אויב מען זאָל עס שוין אפילו אָנרופען צדקה, איידער צו דער צדקה פון פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס אָדער פּריוואַטע פּערזאָנען.

* * *

דער טרעיד יוניאָן קאָנגרעס אין ענגלאַנד האָט אָנגענומען א באשלוס צו פאָדערען פון דער רעגירונג, אז די ארבייטער זאָלען איינגאַנצען באַפרייט ווערען פון צאָלען צום ארבייטסלאָזען פארזיכערונגס־פאָנד און אז די קאָסטען פון דעם פאָנד זאָלען טראָגען די שטייער־צאָהלער, ווייל

פרעז. שלעזינגער צוריק אין זיין אפים

די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל וועלען זיכער אויפנעמען מיט פרייד דעם גוטען גרוס, אז פרעזידענט שלעזינגער פילט זיך אזוי וויט פארבעסערט אין זיין געזונד, אז ער קען זיך צוריק נעמען צו זיין גרויסער פאראנטווארטליכער ארבייט אין זיין אפיס פון דער אינטערנעשאנעל.

פרעזידענט שלעזינגער, וואס האט אזוי פיל יאהרען ערפאלגרייך געפיהרט די שווערע און ביטערע קאמפען פון דער אינטערנעשאנעל און האט באזיגט אלע איהרע שונאים, האט באוויזען, אז ער קען אויך מיט גרויס ערפאלג פיהרען א קאמף געגען די שעדליכע עלעמענטען פון דער נאטור, וואס האבען געזוכט אונטערצוגראבען זיין אייגענעם לעבען.

עס איז פאר אונז דא ניט נויטיג צו דערצעהלען ווי ערנסט קראנק פרעזידענט שלעזינגער איז געווען. די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל וויסען עס. מיר ווילען דא בעסער מיט פרייד דערצעהלען, אז פרעזידענט שלעזינגער האט מיט זיין שטארקען ווילען, מיט זיין גרויסער קאמפסלוסטיגקייט מיט גרויס ערפאלג באקעמפט זיין קראנקהייט און איז ארויס א זיגער.

מיר זיינען זיכער, אז זיין צוריקקערען זיך אין אפיס וועט מיט פרייד און באגייסטערונג באגעגענט ווערען ניט נאר פון אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל, נאר פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

דער פאפסט אין רוים גיט די ארבייטער צו וויניג

דער פאפסט פון רוים האט מיט זיין געטליכער גנאד צוגעגעבען, אז די רייכטימער און באקוועמליכקייטען פון לעבען זיינען ניט יושר'דיג פארטיילט צווישען קאפיטאל און ארבייט. ער האט מיט זיין געטליכער אויג איינגעזעהן, אז ריזיגע פארמעגענס האבען זיך אנגעזאמעלט אין די הענד פון עטליכע, בעת די ארבייטער, וואס זיינען די גאנץ גרויסע מאיאריטעט, פארמאגען גארנישט, אויסער זייערע הענד און דעם שוויים פון זייער אנגעזיכט. און מיט זיין געטליכען שכל האט דער פאפסט פארשטאנען, אז דאס טויג ניט און אז דאס איז אומגערעכט.

נאר וואס דארף מען טאן אט די אומגערעכטיגקייט אפצושאפען? דער פשוט'ער מענשליכער שכל וואלט זאגען, אז אזוי ווי די ארבייטער, וואס זיינען די גאנץ גרויסע מערהייט און וואס שאפען די רייכטימער פון דער וועלט האבען גארנישט, און עטליכע לידיגגעהער האבען אלץ, דארף מען דעריבער איבערמאכען די געזעלשאפטליכע ארדנונג אזוי, אז די ארבייטער זאלען האבען אלץ און די לידיגגעהער זאלען האבען גארנישט. און אזוי ווי אין אזא געזעלשאפט וועט עס זיך ניט לוינען צו זיין א לידיגגעהער, וועלען דעריבער אלע גלייך ארבייטען און גלייך גענייסען פון זייער ארבייט. אבער אזא שכל איז צו מענשליך, אז מען זאל איהם קענען געפינען ביים פאפסט. ער, דער הייליגער פאפסט, וואס איז אזוי נאהענט צו גאט, וויים צו דערצעהלען, אז די סאציאלע און עקאנאמישע אונטערשידען אין דער מענשליכער פאמיליע זיינען באשטימט געווארען פון גאט אליין און זיי טארען ניט און קענען ניט אפגעשאפט ווערען. דער פאפסט פארלאנגט דעריבער בלויז, אז די באלעבאטים זאלען ניט זיין אזעלכע געלד־גיריגע מענשען און ניט וועלען אלץ פאר זיך, נאר אויך געבען אביסעלע די ארבייטער.

עס פארשטעהט זיך, אז מיט גאט קען מען קיין מלחמה ניט פיהרען און גאט'ס ווילען קען מען ניט ענדערען. נאר אויב עס איז גאט'ס ווילען, אז עס מוזען זיין באלעבאטים און ארבייטער אויף דער וועלט, מוז דאך מסתמא שוין אויך זיין דער ווילען פון גאט, אז די באלעבאטים זאלען זיין שלעכטע מענשען און וועלען אלץ פאר זיך. געגען גאט'ס ווילען וואלט עס דאך ניט געקענט פאסירען. עס זעהט אונז דעריבער אויס, אז עס איז פאראן א שטיקעל ווידערשפרוך אין די הייליגע ווערטער פון דעם הייליגען פאטער אין רוים. און אזוי ווי מיר האבען וועגען גאט א העכערע מיינונג, ווי דער פאפסט, גלויבט זיך אונז ניט, אז גאט זאל האבען אבזיכטליך באשאפען אזא אומגערעכטע געזעלשאפטליכע ארדנונג. ניין, דאס קען ניט זיין און דער פאפסט לעסטערט איינפאך גאט'ס נאמען, ווען ער דערצעהלט וועגען איהם אזא סקאנדאליעזע אומגערעכטיגקייט. ווען דער פאפסט וואלט ווירקליך גערעדט אין גאט'ס נאמען וואלט ער געזאגט, אז גאט האט באשאפען אלע מענשען גלייך און עס איז ניט זיין שולד, וואס א סך מענשען זיינען אזוי דום, אז ניט נאר לאזען זיי זיך פארשקלאפען און עקספלואטירען פון זייערע מיטמענשען, נאר זיי גלויבען אפילו, אז גאט וויל אזוי.

מען דארף איצט זיין מעהר און בעסער צוגעגרייט.

דער לעידים טעילארס סטרייק האט אונז געלערענט, אז די עפענטליכע מיינונג האט אנגעפאנגען שפילען א סך א שוואכערע ראלע אין דעם קאמף צווישען די ארבייטער מיט זייערע באלעבאטים, ווי מיט איינינע יאהר צוריק.

אין די סטרייקס, וועלכע די אינטערנעשאנעל האט געפירט איז די עפענטליכע מיינונג אלע מאל באטראכט געווארען פאר א וויכטיגען פאקטאר און אפט האט די עפענטליכע מיינונג געהאט א גאנץ שטארקע ווירקונג. אין דעם לעידים טעילארס סטרייק, אבער, האט די עפענטליכע מיינונג זיך ארויסגעוויזען אין גאנצען ווירקונגסלאז. די סטרייקער האבען געהאט אויף זייער זייט די גאנצע עפענטליכע מיינונג, די האלטונג פון די באסעס איז פארדאמט געווארען פון אלע זייטען. די פרעסע, טיילווייז אפילו די גאנץ קאנסערוואטיווע, האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די סטרייקער און דאך האט עס קיין ווירקונג ניט געהאט אויף די באסעס. איז דאס ניט א סימפטאם, אז די עפענטליכע מיינונג האט אנגעפאנגען שפילען א סך א שוואכערע ראלע אין אונזערע סטרייקס?

און דאס לערענט אונז א צווייטע זאך. אז די ארבייטער דארפען מעהר בויען אויף זייערע אייגענע כוחות. זיי דארפען וויסען, אז ווען עס וועט זיי איצט אויסקומען ארויסצוטרעטען אין אן אפענעם קאמף מיט זייערע באלעבאטים וועלען זיי אויף דער ווירקונג פון דער עפענטליכער מיינונג זיך קענען א סך וויינינגער פארלאזען ווי אמאל. זייערע אייגענע כוחות וועלען דארפען אנטשיידען דעם קאמף, און דאס מיינט, אז זיי דארפען זיין בעסער ארגאניזירט און בעסער באווארנט מיט פינאנציעלע מיטלען.

צום קאמף דארף מען זיך גרייטען אלע מאל, בפרט ווען מען וויים, אז דער צווייטער צד גרייט זיך צו מאכען אן אנגריף.

א זיי־געזונד צו ברודער דובינסקי.

ברודער ד. דובינסקי, סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנעל, פארט אויף איינינע וואכען אין איראפא. זיין הויפט־צוועק איז צו באזוכען זיין אלטען פאטער אין לאדז, אבער ער וועט אויסער זיין פאטער אויך זעהן ווי עס קוקט אויס די ארבייטער באוועגונג אין איראפא. ווען ער וועט קומען צוריק וועט ער אונז האבען וואס צו דערצעהלען ניט בלויז וועגען די אידישע ארבייטער אין פוילען, וועמעס גאסט ער וועט זיין, נאר ער וועט אויך קענען דערצעהלען וועגען דער ארבייטער באוועגונג אין איראפא אין אלגעמיין. ברודער דובינסקי וועט זיך אפשטעלען אין מעהרערע גרויסע שטעדט אין איראפא, וואו ער וועט האבען א געלעגענהייט זיך צוצוקוקען צו דעם ארגאניזאציאנס־לעבען פון די ארבייטער אין איראפא און ער וועט אויך זיין אויף דעם אינטערנאציאנאלען סאציאליסטישען קאנגרעס אין וויען.

ברודער דובינסקי האט פאר דער צייט, וואס ער שטעהט אין זיין הויכען אמט אין דער אינטערנעשאנעל, זיך באזונדערס באליבט געמאכט ביי די מיטגלידער און מיר זיינען זיכער, אז מיר דריקען דא אויס דעם געפיל פון זיי אלעמען ווינשענדיג איהם א גליקליכע רייזע און א גליקליכען צוריקקעהר.

די שטילע בלוטלאָזע רעוואָלוציע אין שפּאַניען

פון ש. יאַנאָווסקי

נעוויינליך ברעכען אויס רעוואָלוציעס גאַנץ אומגעריכט.

זיי לאָזען קיינעם ניט וויסען וועגען זייער קומען. אזא טבע האָבען זיי שוין.

אזוי, א קורצע צייט, איידער די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, האָבען נאָר פילע מענשען, מיט זעהר ליכטיגע און גאַנץ גוטע בעאָבאַכטענדע אויגען, אין זייערע באַריכטען וועגען דער לאַגע אין דעם דאַמאָלסדיגען פראַנקרייך, געמעלדעט, אז דאָרט איז אלעס שטיל און רוהיג, וועהרענד בלויז איינינגע מאָנאַטען שפּעטער איז אָנגעקומען דער גרויסער שטורם, וועלכער האָט געבראַכט א גאַנצע לעבען־איבערקערעניש ניט נאָר אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין דער גאַנצער איבעריגער וועלט.

לעאָן טראָצקי, אין זיין ארטיקעל אין „סאַטורדעי איוונינג פּאָסט", וועגען די ערשטע 5 טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דערציילט, אז קיינער פון די אזוי גערופענע פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען האָבען ניט נאָר ניט ערוואַרט דעם אויסבריך פון דער רוסישער רעוואָלוציע דעם 23טען פעברואר, 1917, נאָר, ווי מען קען לייענען צווישען די שורות, האָבען זיי פשוט מורא געהאַט, אז עס זאָל חלילה ניט פאָרקומען עטוואָס, וואָס זאָל נאָר פיהרען צו אַן אומזיסטע בלוט־באָד פון די רוסישע אַרבייטער.

עס איז כדאי צו ברענגען ווערטערליך דאָס וואָס טראָצקי שרייבט:

„דער 23טער פעברואר איז געווען דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־טאָג. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזען האָבען געהאַט די אַבזיכט צו פייערען דעם טאָג אויף א געוויינליכען שטייגער: דורך פאַרזאַמלונגען, רעדען און פּאַמפלעטען. מיט איין טאָג פריהער איז עס נאָר קיינעם ניט איינגעפאַלען, דאָס דעם טאָג פון דעם 23טען וועט זיין באַשערט צו זיין דער ערשטער טאָג פון דער רעוואָלוציע. קיין איינציגע ארבייטער אָרגאַניזאַציע האָט ניט אויפגעפאָדערט איהרע מעמבערס צו א סטרייק. נאָך מעהר, אפילו א געוויסע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע, א העכסט קעמפערישע, איז געווען געגען סטרייקס. די שטימונג פון די מאַסען איז געווען א זעהר אָנגעשטרענגטע. אירגענד א סטרייק האָט געקענט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַן אָפענעם קאַמף. אָבער אַזוי ווי די קאָמיטע האָט געדענקט, אז די צייט איז נאָך ניט צייטיג גענוג פאַר אַן אָפענעם קאַמף — די פּאַרטיי איז נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג און די ארבייטער האָבען געהאַט גאָר א קנאַפּע שייכות מיט די סאָלדאַטען, — האָט זי באַשלאָסען ניט צו רופען קיינע סטרייקס, נאָר זיך צוגרייטען פאַר א רעוואָלוציאָנערע אַקציע צו אירגענד אַן אומבאַשטימטער צייט אין דער צוקונפט".

דאָ האָט איהר, אַלזאָ, אַן עדות. אמת, טראָצקי איז צו יענער צייט גאָרניט געווען אין רוסלאַנד, אָבער, ווי ער גיט איבער, שטיצט ער זיך אויף אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטען, אז קיינעם איז גאָר ניט געקומען אויפ'ן געדאַנק, דאָס דעם 23טען פעברואר זאָל זיך אָנפאַנגען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

און ניט נאָר איז דאָס ריכטיג וועגען דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד דער זאָגענאַנטער קערענסקי רעוואָלוציע, נאָר דאָס איז אויך גאַנץ ריכטיג וועגען דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען נעקסטען אָקטאָבער. א געוויסער שרייבער לעדאַש, אין זיין ארטיקעל אין דעם מאַי נומער פון „קאָרענט היסטאָרי", שרייבט, אז די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו מאַכט אין רוסלאַנד דורך א בלויזען צופאַל. די באָלשעוויקעס אליין האָבען גאָרניט געגלויבט, דאָס זיי וועלען לאַנג בלייבען ביי זייער מאַכט. עטליכע וואָכען נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, האָט לענין אין א רעדע בפירוש ארויסגעזאָגט די פאָלגענדע ווערטער: „זעקס מאָנאַטען פון היינט, וועלען מיר וועלען אלע זיין אויפגעהאַנגען".

יאָ, עס איז די טבע פון רעוואָלוציעס צו קומען גאַנץ אומערוואַרטעט.

אָבער דאָס איז גראָד ניט דער פאַל מיט דער שפּאַנישער רעוואָלוציע.

איר האָבען אלע ערוואַרט. די גאַנצע דרויסענדיגע וועלט האָט געוואוסט, אז די טעג פון דעם שפּאַנישען דעספּאָטיזם זיינען געציילט. דאָס גאַנצע פאָלק אין שפּאַניען גופא האָט עס געוואוסט, און אַלפאָנזאָ דער דרייצענטער אליין האָט עס געוואוסט בעסער, ווי אלע אַנדערע. ווען ניט, וואָלט ער איצט ניט געווען אין פראַנקרייך, נאָר ער וואָלט געזעסען אין א געפענגניס אין שפּאַניען, אויב עס וואָלט מיט אים ניט ערגערעס, און, אפשר, בעסערעס, פאַסירט.

דער אמת איז, דאָס די איצטיגע רעוואָלוציע אין שפּאַניען איז א שטאַרק פאַרשפּעטיגטע. זי האָט שוין באַדאַרפט פאָרקומען מיט פילע יאָרען צוריק, ווייל דאָס שפּאַנישע פאָלק האָט שוין לענגסט איבערגעוואַקסען דעם גאַנצען מאָנאַרכיסטישען האָקוס־פּאָקוס.

שוין אין דעם אָנפאַנג פון די זיבעציגער יאָרען פון דעם פאָריגען יאָרהונדערט האָט דאָס שפּאַנישע פאָלק געשטירצט די מאָנאַרכיע, און אויף איר פּלאַץ פּראָקלאַמירט די רעפּובליק, וועלכע האָט אין די עטליכע יאָהר פון איהר עקזיסטענץ אָפּגעשאַפט אַלערליי געמיינהייטען אין עפענטליכען לעבען, און איבערהויפּט ארויפגעלייגט א שטאַרקען צוים אויף די קירכע, וועלכע איז צו אלע צייטען געווען דער ערגסטער פלוך אויף דעם שפּאַנישען פאָלק.

צום אומגליק אָבער האָט די דאָזיגע רעפּובליק, א דאַנק די העסליכע אינטריגען צווישען די פאַרשידענע פּאָליטישענס, וועלכע האָבען זיך ארויפגעקראַבקעט אויף דעם כסא המלוכה, פון איין זייט, און א דאַנק די אינטריגען פון די מאָנאַרכיס און קלעריקאַלען פון דער צווייטער זייט, איז די רעפּובליק געפאַלען און די מאָנאַרכיע איז ווידער געקומען צו מאַכט.

אָבער זייט דאַן איז שפּאַניען געווען איינע פון די רעבעלישסטע ווינקלען אין אייראָפּא און, אפשר, אין דער גאַנצער איבעריגער וועלט.

ניטאָ קיין לאַנד, אין וועלכען עס זיינען געווען אין די לעצטע פופציג יאָר אזוי פיל פאָלקס־אויפשטאַנדען, אזוי פיל דזשענעראַל סטרייקס, ווי אין שפּאַניען, און וועלכע האָבען נאָר מיט דער שרעקליכסטער רציחה פון דער זייט פון דער רעגירונג דורך אזעלכע בלוטהינט, ווי דער נאָטאָרישער דזשענעראַל ווייעלער אָדער קאַנאָוואַס, וועלכער איז געטויט געוואָרען פון אַן אַנאַרכיסט, — געקענט אונטערדריקט ווערען.

ניטאָ א לאַנד, וועמעס געשיכטע איז אזוי דורכגעזאַפּט מיט די בלוט פון די בעסטע און העלדישסטע פרייהייטס־קעמפער, ווי דאָס איז שפּאַניען.

עס מוז נאָך זיין פריש אין דעם זכרון פון אונזערע עטוואָס עלטערע לעזער דער גרויסער דזשענעראַל סטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1909 אין באַרצעלאָנאַ, אלס פּראָטעסט געגען די שרעקליכע רעאַקציאָנערע געזעצען, וואָס די רעגירונג האָט געהאַט בדעה איינצופיהרען פאַר די אונטערדריקונג פון דער מינדסטער געדאַנקען־פרייהייט. די רעגירונג האָט גלייך ערקלערט קריגס־צושטאַנד אין באַרצעלאָנאַ, און פאַר דריי לאַנגע טעג איז אָנגעהאַלטען געוואָרען די שוידערליכסטע מענשען־שחיטה. די בעסטע און איידעלסטע זיינען אריינגעשלידערט געוואָרען אין מאָנטחואיש געפענגניס, וואו זיי זיינען געפייניגט געוואָרען אויף אזא אופן, אז מען קען עס נאָר אויפ'ן פּאַפּיר ניט ברענגען. און, אלס ענדע, איז פראַנציסקאָ פערער, איינער פון די גרעסטע און נאָבעלסטע מענשען, וועלכער האָט געזוכט ביי צוקומען דעם איינפלוס פון די גלחים דורך גרינדען פּריוואַט־שולען, וואו די קינדערשע מוחות זאָלען ניט פאַרגיפט ווערען פון דעם סם פון רעליגיעזען פאַנאַטיזם, ערמאָרדעט געוואָרען דורך א קריגס־געריכט, וואָס דאָס האָט אויפגעטרייסעלט די גאַנצע וועלט, און אויך די גאַנצע ארבייטערשאַפט אין שפּאַניען.

יאָ, די רעוואָלוציע אין שפּאַניען האָט זיך פאַרשפּעטיגט אויף גוטע צוואַנציג יאָר. שוין דאַן האָט דאָס שפּאַנישע פאָלק באַדאַרפט מאַכען א סוף צו דעם גאַנצען העסליכען רעזשים אין שפּאַניען, וועלכער איז געווען דער גרעסטער שאַנד פלעק אויף דער

די ארבייטער האָבען ניט מיט וואָס צו צאָהלען און דארפען ניט צאָהלען. די ארבייטער זיינען וויליג צו ארבייטען און עס איז ניט זייער שולד, ווען זיי האָבען קיין ארבייט ניט.

עס איז צו זעהן, אַז דער טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אין ענגלאנד קוקט גאנץ אַנדערש אויף דער פראגע פון ארבייטסלאָזיגקייט, ווי די אַמעריקען פעדערייש אָן אָוו לייבאָר. דער טרייד יוניאָן קאָנגרעס אין ענגלאנד האַלט, אַז עס איז די פליכט פון לאנד אויסצוהאלטען די ארבייטער, וואָס האָבען קיין ארבייט ניט. דאָס איז ניט קיין צדקה, נאָר אַ חוב וואָס דאָס לאנד איז שולדיג די ארבייטער.

* * *

מר. סוואָפּ, פון דער דזשענעראַל עלעקטריק קאָמפּאני האָט אויף דעם קאָנגרעס פון דעם אינטערנאציאָנאַלען טשיימבער אָוו קאָמערס, וואָס איז אָנפאנג חדש מאַי אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין וואשינגטאָן, געזאָגט, אַז עס איז דער חוב פון דער אינדוסטריע אין לאנד צו זאָרגען פאר די ארבייטער.

דאָס איז ריכטיג געזאָגט, אָבער די אינדוסטריע פון אַמעריקע פאָלגט ניט מר. סוואָפּ. אפילו זיין דזשענעראל עלעקטריק קאָמפּאני פאָלגט ניט. דער אמעריקאנער אינדוסטריאליסט רעכנט, אַז ער האָט צו די ארבייטער קיין שום פארפליכטונגען ניט און ער האָט צו זיי אפילו ניט די באַציאונג, וואָס ער האָט צו די מאשינען אין זיין פאבריק. ווען די מאשינען זיינע ווערען אָפּגענוצט אָדער קאַליע, ווערט עס איהם קאָסטען געלד זיך איינצושאפען נייע, אָבער עס דאַרף איהם גאָרניט קאָסטען זיך איינצושאפען נייע ארבייטער און עס קימערט איהם דעריבער ניט וואָס עס טוט זיך מיט זיינע ארבייטער, ווען ער האָט פאר זיי קיין ארבייט ניט.

די שעהנע ווערטער פון מר. סוואָפּ וועגען דעם חוב פון דער אינדוסטריע פון לאנד צו זאָרגען פאר דער עקזיסטענץ פון די ארבייטער האָבען דעריבער קיין שום ווערט ניט. זיי זיינען ווערטער וואָס קיינער איז ניט מחויב צו פאָלגען. אַ ווערט וועט עס האָבען, ווען דער קאָנגרעס פון די פאראייניגטע שטאַטען וועט אָננעמען אַ געזעץ, וואָס וועט אויף דער אינדוסטריע ארויפלייגען די פליכט צו זאָרגען פאר דער עקזיסטענץ פון די ארבייטער. און דער ערשטער שריט פון אַזאַ געזעץ איז איינצופירען אַן ארבייטסלאָזען פארזיכערונגס־פאָנד וואָס זאָל אויסגעהאַלטען ווערען פון דער אינדוסטריע.

* * *

די אידעע, אַז די רעגירונג זאָל איינפירען אַן ארבייטסלאָזען פארזיכערונגס־פאָנד געווינט ביסלאכווייז נייע אָנהענגער, און גראָד אין די רייען פון קאפּיטאל. אָט איז לעצטענס די צייטונג „וואָל סטריט דזשורנאל" ארויסגעטראָטען פאר אַן ארבייטסלאָזען פארזיכערונג פון דער רעגירונג. דער נאָמען „וואָל סטריט דזשורנאל" איז גענוג, אַז מען זאָל וויסען, אַז עס איז ניט קיין צייטונג פון ארבייטער און פאר ארבייטער. דאָך האָט די צייטונג פון אַמעריקאנער גרויס קאפּיטאל זיך דערטראכט צום געדאַנק, אַז ארבייטסלאָזיגקייט איז אַן ערשיינונג פון אונזער איצטיגער געזעלשאפטליכער אָרדנונג, פאַר וועלכער די גאַנצע געזעלשאפט איז פאראַנטוואָרטליך און דעריבער דאַרף די גאַנצע געזעלשאפט טראָגען די לאַסט פון דער ארבייטסלאָזיגקייט.

איך וויל דאָ ניט אונטערזוכען פון וואַנען עס האָט זיך ביי דעם „וואָל סטריט דזשורנאל" מיט אַמאָל גענומען אַזוי פיל יושר, אָבער איך קען פארשטעהן, אַז דער איצטיגער שווערער קריזיס טרייבט מענשען צו טראַכטען אַביסעל טיפער. עפּעס קען קאפּיטאל זיך דאָך ניט פיהלען איבעריגס באַקוועם און זיכער ווען אין לאנד געפינט זיך אַזאַ ריזיגע ארבייטסלאָזע ארמעע און עס זיינען ניטאָ קיין אויסזיכטען, אַז זי זאָל אין דער נאָהענטער צוקונפט קלענער ווערען.

* * *

די באַוועגונג פאר אַלטערס פארזיכערונג האָט פארצייכענט נאָך אַ זיג. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אַלטערס פארזיכערונג אין דעם שטאַאַט ניו דזשוירזי.

דאָס געזעץ, וואָס איז איצט איינגעפירט אין ניו דזשוירזי, באַשטימט אַן אַלטערס פענסיע פון אַ דאָלאַר אַ טאָג, אָבער מען דאַרף זיין ניט ווייניגער ווי 70 יאָהר אַלט עס צו קריגען.

געוויס איז דאָס בעסער ווי גאָרניט, אָבער וויפיל קבצנים קענען עס דערלעבען אַן עלטער פון 70 יאָהר?

עס איז אַ מאָדנע זאַך. ווען איינער געהט זוכען ארבייט, באַטראַכט מען איהם שוין פאר אַ זקן ווען ער איז ערשט 50 יאָהר אַלט. אין דער ווירקליכקייט ווערט שוין אַ 45 יעהריגער באַטראַכט פאר אַלט, און עס איז איהם שווער צו קריגען אַ דזשאָב. ווען עס קומט אָבער צו אַלטערס פענסיע איז איינער וואָס איז 69 יאָהר נאָך אַ יונגער מאַן און איז ניט בארעכטיגט צו פענסיע.

עס זיינען אָבער פאַראַן האָפנונגען, אַז דאָס געזעץ אין ניו דזשוירזי וועט אויסגעבעסערט ווערען און דער עלטערס־גרענעץ וועט זיין 65 יאָהר אַנשטאָט 70. דאָס וואָלט שוין זיין אַ רעכט ביסעל בעסער.

אין אַלגעמיין געהען מיר דאָך אַביסעלע פאָרווערטס. עס איז בלויז צו לאַנגזאַם, אָבער ווער איז שולדיג, אַז די ארבייטער פוילען זיך אונטערצושטופּען?

* * *

דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק אין שפּאַניע ברענט קירכען און קלויסטערס.

איך פארשטעה ווארום דאָס פאָלק טוט עס. איך ווייס וויפיל כעס און צאָרן עס האָט זיך ביים פאָלק אָנגעקליבען נעגען די גלחים און זייערע קלויסטערס און קירכען. איז דאָך דער גלח און די קירך שטענדיג געווען די שטאַרקסטע שטיצע פון דער מאָנאַרכיע, וועלכע איז געווען אַזוי פאַרהאַסט ביים פאָלק. אָבער עס איז דאָך נאַריש צו פארברענען אַזעלכע קאָסטבארע געביידען וואָס קענען געברויכט ווערען פאר נוצליכע צוועקען. די קירכען און די קלויסטערס קענען דאָך פארוואַנדעלט ווערען אין פאָלקס־הייזער, אין אויפקלערונגס־אַנשטאַלטען א. אַז. וו.

דאָס שפּאַנישע פאָלק איז אָרים און דאַרף זיך דעריבער ניט פארגינען אַזאַ לוקסוס צו פארברענען אַזעלכע קאָסטבארע געביידעס ווי די שפּאַנישע קירכען און קלויסטערס, ווי פארהאַסט זיי זאָלען ניט זיין. וואָרום דער האַס פון פאָלק איז דאָך ניט צו די געביידען גופא, נאָר צו דאָס, וואָס זיי האָבען פארקערפּערט. די זעלבינע קירך־געביידע, וואו מען האָט דאָס פאָלק פארפינסטערט זיין מאָרך און געדאַנקען, קען דאָך לייכט פארוואַנדעלט ווערען אין אַן אינסטיטוציע פון בילדונג און אויפקלערונג.

אָבער ווען עס ברעכט אויס דער צאָרן פון פאָלק גענען זיינע אונטערדריקער און פארפירער קען עס ניט אַזוי ניכטער אורטיילען און מען קען עס אויך ניט דערוואַרטען.

* * *

דער שרייבער פון די שורות פאָרט אַוועק אויף עטליכע וואָכען פון אַמעריקא אַ קוק צו טאָן ווי עס זעהט איצט אויס די אַלטע אייראָפּאַ. אויב איך וועל דאָרטען זעהן עפּעס וואָס איז אינטערעסאַנט און באַלערענד, וועל איך ניט זיין קיין קאַרגער און וועל עס ניט האַלטען פאר זיך, נאָר איך וועל וועגען דעם שרייבען. דערווייל אָבער האָף איך וועלען מיינע לעזער מיר געבען אַ דאַנק, וואָס איך גיב זיי עטליכע וואָכען וואַקאַציע און זיי וועלען זיך קענען אָפּרוהען פון מיין שרייבעריי.

איך ווינש אַלע קלאָוק מאַכער, אַלע דרעס מאַכער און אַלע אַנדערע וואָס מאַכען, אַז ווען איך וועל קומען צוריק זאָל איך זיי אַלעמען געפינען ביי דער ארבייט און גוט־שטעהענדע מיטגלידער אין דער יוניאָן.

אַז אַלע דאַרפען זיין געזונד איז זעלבסטפארשטענדליך.

GERECHTIGKEIT

A Labor Journal
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 W. 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

BENJAMIN SCHLESINGER, President
DAVID DUBINSKY, Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XIII. No. 8 June, 1931

Entered as Second Class matter, Aug. 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 24, 1912. Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorised on January 25, 1919.

די לאַגע ביי די וואַרשעווער פרויען באַקליידונגס-אַרבייטער

פון ש. ה. הימעלפאַרב

אין וואַרשאַ געפינען זיך ביז 1200 אידישע דאַמען-שניידער ביי מאַנטלען (קלאָוקס). פון דער צאָהל זיינען באַשעפטיגט, ביי פאַבריקאַנטען (אינסייד מאַנופעקטשורערס) 200 אַרבייטער, ביי כאַלופּניקעס (סאַב קאָנטראַקטאָרס) ביז 1,000. די צאָהל כאַלופּניקעס באַטרעפט קרוב 200. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָבען איינינגע גרויסע סוחרים (דזשאָבערס) פּראָבירט עפענען גרויסע פאַבריקען, אָבער די פּראָוועס זיינען דורכגעפאַלען. די גרעסטע פאַבריק פון 300 אַרבייטער האָט עקזיסטירט 2 יאָהר און איז ליקווידירט געוואָרען. היינט באַשטעהט די גרעסטע פאַבריק פון 55 אַרבייטער; עטליכע צו 20 פּערזאָן, און אַלע איבעריגע פון 4 ביז 10 פּערזאָן. אַלע די שניידער-אַרבייטער זיינען אָרגאַניזירט אין וואַרשאַווער באַקליידונגס-פאַראיין אין איין סעקציע (לאָקאַל). אין דער סעקציע געהען אריין אַלע דאַמען מאַנטעל שניידער אַרבייטער, מאַשינער (אָפּערייטאָרס), פּרעסערס, האַנט נייהערינס (פינישערס) און געהילפען.

די אַרבייט ווערט געמאַכט פון וואָך און פון שטיק. די מעהרהייט פון פאַך אַרבייט פון וואָך. דער אַרבייטס-טאָג איז 9 שעה. פאַר שטיק-אַרבייט איז דער אַרבייטס-טאָג, אין מאַרד-סעזאָן (סלעק-טיים) 8 שעה, אין הויך סעזאָן אומבאַגרענעצט. אויך וואָך-אַרבייטער אַרבייטען אין סעזאָן-צייט איבערשטונדען, אָבער זיי באַקומען ניט דערפאַר העכער באַצאָהלט, נאָר לויט'ן נאָרמאַלען לוין.

סעזאָנען זיינען דאָ צוויי אין יאָהר — פריהלינג און הערבסט. דער פריהלינג-סעזאָן הויבט זיך אָן נאָרמאַל אין מיטען יאַנואַר און ענדיגט זיך אין מיטען מאַי. דער הערבסט סעזאָן הויבט זיך אָן אין מיטען יולי און ענדיגט זיך אין מיטען נאָוועמבער, אָבער כאָטש די סיזאָן-צייט איז 4 חדשים איז אָבער דער אייגענטליכער דויער פון סעזאָן קוים 2, מאַקסימום 2 און אַ האַלב חודש, ווייל אין וואַרשאַ איז יעדער קלאָוק-מאַכער אויך אַ מאָדעליסט (סעמפּעל מאַכער) און אומגעפעהר ביז אַנדערהאַלבען חדשים דויערט דער אַזוי גערופענער מאָדעלען-סעזאָן. די אַרבייטער זיינען דאַן באַשעפטיגט פולע וואָכען, אָבער דער פאַרדינסט איז קוים די גרויס פון איינעם אָדער צוויי טעג לוין. אין די גרעסערע פאַבריקען אַרבייטען איינער אָדער צוויי צושניידער (קאַטערס). ביי די כאַלופּניקעס זיינען קיין צושניידער ניטאָ. זיי זיינען אַליין די צושניידער. צייכנער (דעזאַינערס) און מאָדעליסטען. יעדער כאַלופּניק מוז ערב סעזאָן מאַכען באַמיהונגען צו באַקומען עטליכע מאָדעלען. מיט די מאָדעלען ווענדעט ער זיך צום סוחר (דזשאָבער) און אויב זיי געפעלען דעם סוחר, גיט ער איהם אַ ביסעל סחורה אויסצופאַרטיגען.

דער דורכשניט פאַרדינסט פון אַן אַרבייטער אין סעזאָן איז — מאַשינער אָדער פּרעסער, סיי פון וואָך סיי פון שטיק, צווישען 100 ביז 150 גילדען אַ וואָך. אויף אייער געלד הייסט דאָס פון 11 ביז 17 דאָלאַר אַ וואָך. אין דער מאָדעלען-צייט און צום סוף סיזאָן גרייכט דער פאַרדינסט העכסטענס ביז 50 גילדען אַ וואָך; האַנט-נייהערינס (פּרויען מאַכען די האַנט-אַרבייט) פאַרדינען אַ העלפט פון אַ קוואַליפיצירטען מאַן (מאַשינער אָדער פּרעסער); געהילף-מאַשינער און פּרעסער פאַרדינען דאָסזעלבע וואָס האַנט-נייהערינס; געהילף האַנט-נייהערינס (פעלינג הענדס) פאַרדינען אין סעזאָן צווישען 25 ביז 40 גילדען אַ וואָך. דער דורכשניטליכער פאַרדינסט וועכענטליך פאַר דעם גאַנצען יאָהר באַטרעפט פאַר אַ הויך-קוואַליפיצירטען אַרבייטער צווישען 50 ביז 80 גילדען אַ וואָך, אַ קוואַליפיצירטע אַרבייטערין פון 25 ביז 40; געהילפען, פון 15 ביז 25 גלידען.

ווי איהר קענט זעהן פון די ציפערען, איז די לאַגע פון די דאַמען מאַגאַזין שניידער-אַרבייטער אין וואַרשאַ נישט קיין פויגעלדינגע. די סבה פון דעם קלאָגעדיגען מצב איז, ערשטענס, דער גרויסער ווירטשאַפטליכער קריזיס וועלכער לאָזט זיך ביי אונז שטאַרקער פיהלען ווי אומעטום; צווייטענס, די ענדערונגען אין סטיל. אין די לעצטע יאָהרען איז די אַרבייט זעהר באַשווערט געוואָרען, ווייל זי איז זעהר קאָמפּליצירט. דריטענס, ווייל אין וואַרשאַ איז דאָ ווייניג אַרבייט און זי קאָסט זעהר טייער. אין וואַרשאַ, למשל, קאָסט אַרבייטס-געלד אַ מאַנטעל פון שטיק דער ביליגסטער סאָרט 13 גילדען. דער זעלבער מאַנטעל אין לאָדז קאָסט אַרבייטס-געלד נאָר 7 גילדען. דער מאַנטעל, וועלכער קאָסט אין וואַרשאַ 17 גילדען, קאָסט אין טאַרנאָוו (גאַליציען) נאָר 11 גילדען. דאָס פיהרט דערצו, אַז די ביליגערע אַרבייט ווערט מעהרסטענס געמאַכט אין די פּראָווינץ-שטעדט. און אַזוי ווי בעת אַ קריזיס איז די נאָכפראַגע אויף טייערע אַרבייט אַ מינימאַלע, קומט שוין ממילא דערפון אַרויס, אַז די וואַרשאַווער דאַמען מאַגאַזין-שניידער נעהען אַרום לעדיג מעהר ווי זיי אַרבייטען. כדי דעם צושטאַנד צו ענדערען, וואָלט נויטיג געווען איינצופיהרען אַן איינהייטליכען לאַנד-טאַריף. אָבער דאָס איז ניט פון די גאָר גרינגע זאַכען אין אונזער געבענשטער מדינה. אמת, אין די גרעסערע צענטרען, ווי טאַרנאָוו, קראַקוי, לובלין, ביאַליסטאָק, ווילנאַ, לעמבערג, זיינען פאַראַן אָרגאַניזאַציעס פון די דאַמען-שניידער וועלכע זיינען מיט אונז צוזאַמען אַנגעשלאָסען אין צענטראַלען פאַראיין פון באַקליידונגס אינדוסטריע אַרבייטער, אָבער ערשטענס, זיינען ביי אונז די באַדינגונגען אין וואַרשאַ לגבי דער פּראָווינץ נאָר אַנדערע; צווייטענס, האָבען אויך די פּראָווינצער אָפּטיילונגען אַ פיל קלענערען אָרגאַניזאַציאָנעלען כח. און דריטענס, איז ווי כ'האָב שוין אויבען געזאָגט, די קוואַליפיקאַציע פון דער אַרבייט דאָרט אַן אַנדערע, נאַטירליך, אַן ערגערע, און אין טייל ערטער איז אויך די אַרבייטס-צוטיילונג אַן אַנדערע. אַזוי, למשל, אין טאַרנאָוו, וואו ס'זיינען דאָ עטליכע גרעסערע פאַבריקען צו 150 מענשען אין אַ פאַבריק איז איינגעשטעלט (פון די צייטען ווען גאַליציען האָט געהערט צו עסטרייך) אַזאַ סיסטעם: דער הויפּט-אַרבייטער (אין דעם פאַל איז דאָס דער מאַשינער) אַרבייט פון שטיק. ער באַקומט אַ געוויסען פּרייז פון שטיק אַרבייט און ער באַשעפטיגט (אין פאַבריק) אונטער זיין האַנט געהילפען, מעהרסטענס פּרויען פאַר האַנט-אַרבייט. ער צאָהלט זיי פון 30 ביז 35 גילדען אַ וואָך, און פאַרדינט אַליין ביז 150 און טיילמאָל ביז 175 גילדען אַ וואָך. דאָס איז אַ סיסטעם פון דאָפּעל-עקספּלואַטאַציע, וועלכער לאָזט זיך נים אַזוי לייכט באַזייטיגען, ווייל אין דעם פאַל זיינען דאָ צוויי צדדים וועלכע שטעלען זיך אַנטקעגען — די הויפּט-אַרבייטער מיט'ן בעל-הבית צוזאַמען געגען די קלענערע, מעהר באַ'עולה'טע אַרבייטער מיט'ן פאַראיין. דאָך ווערט אין דער הינזיכט געמאַכט באַמיהונגען צו ענדערען די לאַגע. און טאַקע יעצט האָט דער צענטראַלער פאַראיין פון באַקלייד-אַרבייטער אין פּוילען דורכגעפיהרט אַ גענויע אַנקעטע צווישען די גרעסטע אָפּטיילונגען ווענען מצב, לעבענס און אַרבייטס באַדינגונגען פון די דאַמען מאַגאַזין שניידער אַרבייטער, און אין די נאָהענטסטע וואָכען וועט פאָרקומען אַ באַראַטונג פון די אָרגאַניזאַציעס ווענען די פאַך-פּראָבלעמען.

עטוואָס אַנדערש איז די לאַגע ביי די דאַמען-שניידער, וועלכע אַרבייטען פּריוואַט אַרבייט אָדער באַשטעלטע אַרבייט. דוכט זיך, אַז ביי אייך הייסען זיי ליידיס טיילאָרס. זיי זיינען הויך קוואַליפיצירטע בעל-מלאָכות. יעדער אַרבייטער מוז אַליין קענען אויספאַרטיגען דאָס גאַנצע שטיק אַרבייט. קיין כאַלופּניקעס זיינען אין דעם פאַך נישט בנמצא, ווייל דאָס איז אַן אַרבייט וועלכע ווערט געמאָסטען פון 3 ביז 5 מאָל אין מיטען דער אַרבייט, און זי מוז דעריבער אויסגעפאַרטיגט ווערען אויפ'ן אָרט. דערפאַר זיינען אָבער דאָ גרויסע און קליינע אונטערנעמער. די גרויסע אונטערנעמער פאָהרען יעדען ערב סיזאָן נאָך פּאַריז, ברענגען פון דאָרט מאָדעלען, פאַרטיגען אויס פון אייגענער סחורה עטליכע צעהנדליג שטיק אַרבייט, רופען אַרויס זייערע שטענדיגע קונדען, ווייזען זיי מאָדעלען

ציוויליזאציע פון דער גאנצער וועלט. אבער, ווי עס זעהט אויס, איז דאס שפאנישע פאלק דאן ניט געווען נאך ביי זיך זיכער, אז עס קאן זיך שוין באפרייען פון זיינע אייבינע בלוטיגע שונאים.

עס האבען געמוזט פארביינעהן גאנצע צוואנציג יאהר, אין וועלכע די פארברע־כענס פון אן אלפאנזא זאלען ווערען אלץ מעהר און מעהר שארעגהאפט, אז דאס פאלק זאל ענדליך זיך ענטשליסען צו מאכען פיהלען אלפאנזא און זיין גאנצע קאמארי־לא, דאס אויב ער וועט זיך ניט אפטראגען, וועט מען אים ארויסטראגען.

שוין אין דעם טאג פון זיין חתונה האט אן אנארכיסט אויף אים געשאסען, אבער, ווי עס האט דאן אויסגעזעהן, האט דער אנארכיסט מיט זיין שאס אויסגעדריקט בלויז דעם צער און צארן פון א קליין הייפעלע מענשען, אבער אין דעם משך פון די יאהרען האט עס אלפאנזא פארשטאנען צו מאכען זיך פאר דעם ערנסט־געהאסטען מענשען פון גאנץ שפאניען, פון דעם שפא־ניען, וואס דענקט הויך און פיהלט מענש־ליך, פון דעם שפאניען, וואס לאזט זיך ניט פארשיכורען ניט פון אקסען־פייטס און ניט פון די אויגען גלאצענדע גלחים. בא־זונדערס האט זיך די מאנארכיע געמאכט פארהאסט דורך די איינפירונג פון דער דיקטאטור פון פרימא דע ריווערא, וועל־כע האט פאר עטלאכע יאר געהאלטען אין איין שטיקען יעדען אטעם־צוג פון פריי־הייט. ענדליך איז געקומען דער מאמענט, ווען פרימא דע ריווערא האט געמוזט געהן. קיין טערער איז ניט אזוי שטארק פאר א לאנגע צייט צו האלטען א גאנץ פאלק מיט א שלאס אויפ'ן מויל. און אזוי שנעל, ווי די ארויסגעצוואונגענע דיקטאטור האט גע־מוזט געהן, איז עס שוין געווען א זיכערע זאך, אז נאך איהם מוז זיך אפטראגען דער באשעפער זיינער, אלפאנזא דער 13טער, און מיט איהם צוזאמען דער גאנצער מא־נארכיסטישער רעזשים.

עס איז שוין ניט געווען מעהר בלויז איין קריי, איין פארטיי וועלכע האט בא־שלאסען, אז די גאנצע מאנארכיע איז עט־וואס, וואס איז שרעקליך פארפוילט און מוז דארום ארויסגעווארפען ווערען אויפ'ן היס־טארישען סמיטניק, נאר עס איז געווען דאס גאנצע פארגעשריטענע פאלק אין שפא־ניען, וואס האט דעם 14טען אפריל דורך זיינע מוניציפאלע שטימען געגעבען דעם אולטימאטום אלפאנזא: אדער דו געהסט, און געהסט וואס שנעלער, אדער...

אלפאנזא האט פארשטאנען דעם ווונק, און ער האט אויף גיך געמאכט א ויברח אום שוין קיינמאל מעהר ניט אריינצושטע־לען א פוס אין שפאניען.

אט אזוי איז געשעהן די שטילע בלוט־לאזע רעוואלוציע.

בלוטלאזע? ניין. דאס וואלט געווען זעהר ניט ריכטיג אין דעם ברייטען זין פון דעם ווארט. זי איז געווען בלוטלאז מאמענטאן, אבער אט דאס, וואס האט פאסירט איצט, איז אין דער אמת'ען דער גרויסער רעזולטאט פון די טייכען בלוט, וואס דער דעספאטיזם האט פארגאסען אין די פילע, פילע יאהרען פון זיין בושעווען. עס איז די בלוט פון די צענדליגע טויזענדע פרייהייטס־קעמפער, וועלכע איז דער פונדא־מענט פון דער רעוואלוציע.

און דאך, גרויס ווי עס איז די באדייד־טונג פון דער דאזיגער איבערקערעניש אין שפאניען, האט זי ווייט ניט ארויסגערופען די באנייסטערונג פון דעם גרויסען עולם, איך מיין ראדיקאלען עולם, איבער דער גאנצער וועלט.

פארוואס? איז עס אפשר דערפאר, ווייל די רעוואלוציע איז ניט געווען ספעק־טאקעלדיג גענוג, ווייל עס זיינען ניט געווען אין איר קיינע באריקאדען, ווייל די אר־בייטער און די סאלדאטען האבען ניט פלוצ־לונג זיך געשווארען אייביגע ברודערשאפט? אדער אפשר טאקע דערפאר, ווייל מען האט געלאזען אלפאנזאן אנטלויפען מיט גאנצע ביינער?

איך גלויב קוים, אויב דאס זאל זיין די אמת'ע סיבה פון דער כמעט אלגעמיי־נער גלייכגילטיגקייט. ניכער איז עס דער גרויסער נאגענדער צווייפעל אין דער הארץ פון יעדען פרייהייטס מאן וועגען דעם, וואס קאן און וואס וועט אט די רעוואלוציע ברענ־גען פאר דעם שפאנישען פאלק, איך מיין פאר די ארבייטער און פויערים, וועלכע זיי־נען פאר די הונדערטע און הונדערטע יאה־רען געווען די הויפט קרבנות פון דעם שרעקליכען דעספאטיזם.

מען דערמאנט זיך אן די רוסישע רע־וואלוציע, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען אזוי שעהן און אזוי רייך מיט די שענסטע פאר־שפרעכונגען פאר דעם רוסישען פאלק. מען דערמאנט זיך אן דער צייט, ווען די גאנצע וועלט, די פרייע וועלט, האט געיובעלט, ווען דער צאריזם איז געשטירצט געווארען. וועל־כע שעהנע האפנונגען עס האבען אויפגע־בליהט אין די הערצער סיי פון דעם גאנ־צען רוסישען פאלק און סיי פון די פריי־הייטס־קעמפער פון דער גאנצער וועלט! און וואס איז געווארען פון די אלע האפ־נונגען? א בארג אש. דאס גאנצע רוסישע פאלק ווערט געשטיקט און געווארגען פון דער גרויזאמער דיקטאטור פון א הייפעלע מענשען וועלכע האבען זיך איינגערעדט די שרעקליכע משוגעת, אז זיי וויסען בעסער ווי די 150 מיליאן רוסען, וואס פאר זיי איז גוט. און דער רעזולטאט איז, דאס נאך קיינמאל זיינען די ארבייטער און פויע־רים ניט געווען אזוי פארשקלאפט, ווי זיי זיינען עס איצט אין רוסלאנד. און עס נאגט דער צווייפעל, וועט אויך די רעוואלוציע אין שפאניען זיך אזוי ענדיגען?

דאן קומט אנאנדער געדאנק, וועלכער פארטונקעלט גאנץ שטארק דעם שעהנעם געפיהל, וואס די רעוואלוציע אין שפאניען איז געווען אזא שטילע, אזא בלוטלאזע. דערוויל איז עס דאך בלויז דער סאמע אנפאנג פון דער רעוואלוציע. בלויז איין אלפאנזא איז אנטלאפען. די מיליאנען שינ־דער און רויבער פון דעם שפאנישען פאלק זיינען נאך דא אין שפאניען אין זייער גאנ־צער פינסטערער מאכט. וועלען זיי, קענען זיי צושטימען צו דער רעוואלוציע, וועלכע וועט מוזען סוף כל סוף אונטערגראבען זייער ממשלה? ווארום אויב די רעוואלו־ציע וועט ניט מאכען א סוף צו זייער מאכט, וועלען זיי געוויס מאכען א סוף צו דער מאכט פון דער רעוואלוציע.

און וואס מכח דער געוואלדיגער מאכט פון דער קירכע, וועלכע האט געהאלטען און האלט נאך איצט א גאר גרויסען טייל פון דעם שפאנישען פאלק אין דעם פינסטער־סטען אבערגלויבען? וואס וועט זיין די שטעלונג פון דער רעוואלוציע צו אט דער געוואלטיגער פינסטערער מאכט? וועלכען וועג וועט זי אויסקלייבען, אום זיך צו באפרייען פון איהר? וועט זי אננעמען די מעטאדע פון רויהער געוואלט, וועלכער איז ערגער ווי נוצלאז אין קאמף מיט דער פעסט, אדער זי וועט געפינען אנאנדער וועג, וועלכער זאל ביסלאכווייז אונטערגרא־בען אט די שרעקליכע מאכט, און אין דערזעלבער צייט זאל די רעוואלוציע קענען אנגעהן מיט איהר אויפבויענדער ארבייט?

ווי וועט די רעוואלוציע אין שפאניען האנדלען מיט די פארשיידענע דעמאגאגען וועלכע שווימען ארויף אין אזא צייט פון שטורם, און וועלכע מיט זייערע פראזען זיי־נען מסוגל צו פארשלעפען די רעוואלוציע אויף אלערליי קרומע וועגען, און קענען אויף אזא אופן ברענגען דעם ערנסטען שאדען דער רעוואלוציע, פיל מעהר, ווי אירע ערנסטע שונאים, סיי די מאנארכיס־טען און סיי די קלעריקאלען?

און ווי מיר דאכט זיך, מוז דאס צוויי־פלען אין דעם אויסגאנג פון דער רעוואלו־ציע אויך זיין ביי גאר פילע אמת'ע רע־וואלוציאנערען אין שפאניען גופא. דער שרעק פאר א קאנטר־רעוואלוציע, ווי זי איז פארגעקומען אין רוסלאנד און אין די פילע אנדערע לענדער אין די לעצטע יאהרען, נעמט אוועק ביי איינעם דעם ליכטיגען שעהנעם גלויבען, אז ענדליך האט געשלא־גען די שטונדע פון פרייהייט פאר דעם שפאנישען פאלק.

עס איז דא נאך איין טרייסט, דאס די רעוואלוציע אין שפאניען, האבענדיג פאר זיך דעם שרעקליכען ביישפיל פון די אנ־דערע רעוואלוציעס, וועט אויסמיידען דעם אלץ שטרויכלענדען וועג, און וועט געהן אויף א וועג, וועלכער וועט אין קאן איהר בריינגען דעם געווינשטען ערפאלג.

זי וועט ניט, ווילט זיך האפען, שוין באלד וועלען ברענגען דעם גאנצען גן עדן אויף ערד, מיט בלוט און רציחה און דומ־הייט דורכגעזאפטער ערד פון שפאניען. זי וועט וויסען, אז דאס איז ניט און קאן ניט זיין די ארבייט פון איין טאג, פון איין יאהר און אפילו ניט פון יאהרען.

פון מאָנאַט צו מאָנאַט אין דער אַרבייטער באַוועגונג

פון ש. פאַרבער

●

כאָטש דער קריזיס און ארבייטסלאָזיגקייט וואָס דריקט די אַמעריקאַנער ארבייטער מאַסען שוין באַלד צוויי יאָהר האַלט נאָך אָן, האָבען זיך שוין לעצטען מאָנאַט באַוויזען סמנים פון פאַרבעסערונג. עס האָבען זיך באַוויזען דייטליכע צייכענס, אַז סיי דער אינדוסטריעלער קריזיס און סיי דער פּסיכאָלאָגישער קריזיס, דער קריזיס אין די מוחות פון די אַרבייטער און זייערע פיהרער, האַלט זיך ביים ענדיגען.

וואָרום יעדער מוז צוגעבען, אַז כאָטש עס איז ניט אמת, וואָס פּרעזידענט הואווער און זיינע קאַבינעט מיניסטאָרען האָבען פילע מאָל באַהויפּטעט, אַז דער קריזיס אין אַמעריקאַ איז בלויז אַ פּסיכאָלאָגישע ערשיינונג, דאָס הייסט דער עולם האָט זיך איינגערעדט אַז עס איז אַ קריזיס און האָט מיט דעם אַליין געבראַכט די שלעכטע צייטען דורך אויפהערען קויפען, האַנדלען און פּראָדוצירען, איז עס אָבער זיכער אמת, אַז דער „פּסיכאָלאָגישער קריזיס", די מורא, האָט פיל פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט דעם אינדוסטריעלען קריזיס. איבערהויפּט האָט מען עס געקענט זעהן צווישען די אַרבייטער־מאַסען. דער שרעק פאַר'ן קריזיס און אַרבייטסלאָזיגקייט האָט פאַר אַ צייט לאַנג פּאַראַליזירט זייערע כחות. זיי האָבען דערלאָזען די בעלי בתים טאָן מיט זיי וואָס זייערע שטיינערנע הערצער האָבען געגלוסט און האָבען ניט געגעבען קיין ווידערשטאַנד. זיי האָבען דערלאָזען די בעלי בתים זאָלען שניידען זייערע שכירות. זיי האָבען אָנגענומען פאַרערגערטע ארבייטס באַדינגונגען. מיט געבויגענע קעפּ האָבען זיי זיך אונטערגעוואָרפען דעם פאַרגרעסערטען „ספּיד־אַפּ" וועלכער האָט פילע פון זיי ארויסגעוואָרפען פון די פאַבריקען. דאָס אַלעס האָבען זיי געדולדעט, האָבען זיך ניט געוועהרט נעגען דעם אויס מורא פאַר דעם קריזיס. די דאָזיגע מורא אַליין האָט דעם קריזיס פאַרשטאַרקט. די פאַרקלענערטע פאַרדינסטען האָבען פאַרקלענערט די קויף־קראַפט פון די מאַסען. דער פאַרגרעסערטער ספּיד־אַפּ האָט פאַרגרעסערט די צאָהל ארבייטסלאָזע. און אַזוי האָט זיך געשאַפען דער פאַר'כישופ'טער קרייז וועלכער האָט די אַמעריקאַנער ארבייטער אריינגעכאַפּט ווי אין אַ פּאַסטקע.

אַט דער פּסיכאָלאָגישער קריזיס אין די מוחות פון די אַמעריקאַנער ארבייטער איז ענדליך געבראָכען. די נויט און פאַרצווייפלונג האָט פון די ארבייטער פאַרטריבען די מורא. זיי האָבען זיך ענדליך גענומען וועהרען. אַ גאַנצע רייהע סטרייקס אין פאַרשיידענע אינדוסטריען האָבען אויסגעבראָכען דורך דעם לעצטען מאָנאַט. די ארבייטער קעמפען נעגען פאַרזוך פון די בעלי בתים צו שניידען שכירות.

די קוילען מיינערס זיינען דורך דעם מאָנאַט ארונטער אין סטרייק אין פאַרשיידענע געגענדען און שטאַאַטען. אין וועסט ווירדזשיניא זיינען די מיינערס ארונטער אין סטרייק אין עטליכע פּלעצער, צווישען זיי די מיינערס פון פּרענטער, וועלכעס האָט פריהער באַלאַנגט צו דער „בראָדערהוד אָיו לאָקאָמאָטיוו אינדזשענירס" און איז פאַרקויפט געוואָרען צו פּריוואַטע בעלי בתים נאָך דעם ווי די בראָדערהוד באַנק איז געבראָכען געוואָרען. אין מאָרגאַנטאַון האָבען זיך 8 מיינס געשלאָסען צוליב אַ סטרייק פון די ארבייטער.

מיינער סטרייקס נעגען פאַרקלענערונג אין וויידזשעס זיינען אויך פאָרגעקומען אין אַלדען, פּענסילווייניא, און אין אַ רייהע מינען אין קענטאָקי. דער סטרייק אין אַלדען איז געוואונען געוואָרען. די סטרייקס אין קענטאָקי געהען נאָך אָן און זיינען שטאַרק פאַרביטערט. יענע סטרייקס דערמאָנען גאַנץ שטאַרק אָן די בלוטינע מלחמות פון דער „וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מיינערס" מיט אַ פערטעל יאָהרהונדערט צוריק. די סטרייקער זיינען געצוואונגען געוואָרען צו פאַרטיידיגען זיך מיט געוועהר אין די הענט נעגען די באַוואָפענטע בויאַנעס און „גאַרדס" פון דער קוילען קאָמפּאַני. דער גאַווערנאָר האָט אַהין אריינגעשיקט מיליטער. 29 פון די סטרייק פיהרער, סטרייקער און סימפּאַטיקער צווישען זיי דער „טשיף אָוו פּאָליס" פון שטעדטעל זיינען ארעסטירט און אָנגעקלאַגט געוואָרען אין מאָרד.

סטרייקס האָבען דעם מאָנאַט אויך אויסגעבראָכען אין אַ צאָהל שטאָל־פאַבריקען אין אָהייאָ. קאַרגע צוויי טויזענד אַרבייטער פון דער „עמפּייר סטיל קאָמפּאַני" פון מענספּילד זיינען ארונטער אין סטרייק נעגען פאַרזוך פון די בעלי בתים נאָך אַ מאָל צו שניידען וויידזשעס (די וויידזשעס זיינען שוין דאָרט פריהער צוויי מאָל געשניטען געוואָרען). דער סטרייק פאַרשפּרייט זיך אויך אויף די פאַבריקען פון דער זעלבער קאָמפּאַני אין אַ פּאָר אַנדערע שטעדט.

אויך די בילדינג טרייד יוניאָנס הויבען אָן צו ווייזען לעבען. אין סינסינעטי, אָ.. וואו די אַסאָסיאיישאָן האָט געפאָדערט אַ פאַרקלענערונג פון די שכירות אויף 20 פּראָצענט, האַלט עס ביי אַ גענעראַל־סטרייק פון אַלע טריידס. די דאָרטיגע פּלאָמבערס האָבען געמאַכט דעם אָנהויב. זיי האָבען אויף דער פאָדערונג פון די בעלי בתים ארונטערצולאָזען פון די שכירות געענטפערט מיט אַ נעגען־פאָדערונג פאַר העכערע שכירות. ווען די בעלי בתים האָבען זיך אנטזאָגט נאָכצוגעבען זייער פאַרלאַנג זיינען זיי ארונטער אין סטרייק.

די בוי־אַרבייטער פון אַלבאַני, ניו יאָרק. האָבען אָפּגעשטעלט די אַרבייט אויף דער מיליאָן דאָלאַרדיגער טעכנישער האַי־סקול וועלכע בויט זיך דאָרט, דערפאַר וואָס דער קאָנטראַקטאָר האָט געדונגען ניט־יוניאָן לעיבאָרערס.

דאָס זיינען נאָך ווייט ניט אַלע סטרייקס וועלכע זיינען אויסגעבראָכען אָדער האַלטען ביים אויסברעכען אין פאַרשיידענע אינדוסטריען אין פאַרשיידענע געגענדען פון לאַנד. די אַרבייטער האָבען פון זיך אַרונטערגעוואָרפען די מורא. דער גייסטיגער קריזיס איז צו ענדע.

ערמוטיגט פון דעם אויפגעוואַכטען קאַמפּס־גייסט פון די מאַסען, האָבען אויך די פיהרער פון די יוניאָנס זיך אויפגעכאַפּט. אַנשטאָט דעם וואָס פריהער האָבען זיי געזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען צוריקצוהאַלטען די אַרבייטער פון סטרייקען, האָט דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר היינטיגען מאָנאַט ארויסגעשיקט אַ רוף צו אַלע אַרבייטער, אָרגאַניזירטע און ניט־אָרגאַניזירטע, זיך צו וועהרען מיט אַלע מיטלען נעגען יעדען פאַרזוך פון די בעלי־בתים צו שניידען שכירות.

אויך אין דער אינדוסטריעלער לאַגע פון לאַנד האָבען זיך דורך דעם לעצטען מאָנאַט באַוויזען סמנים פון פאַרבעסערונג. אמת, די צאָהל באַשעפטיגטע אַרבייטער אין מאַנכע אינדוסטריען איז עטוואָס פאַרקלענערט געוואָרען. אָבער דאָס איז געווען די נאָרמאַלע פאַרקלענערונג אין די סעזאָן־אינדוסטריען. אין איינינע טריידס האָט זיך די צאָהל אַרבייטער פאַרגרעסערט. איבערהויפּט ווייזט זיך אָן אויפלעבונג אין די בילדינג טריידס. לויט דעם באַריכט פון בראַדסטריט'ס סטאַטיסטישער ביוראָ איז די צאָהל פּערמיטס פאַר געביידען אין די לעצטע 4 מאָנאַטען אין 215 פון די גרעסטע שטעדט אין לאַנד כסדר געשטיגען מיט אַ פיל העכערען פּראָצענט ווי דאָס איז געוועהנליך דער פאַל. דער פּראָצענט ווערט העכער פון מאָנאַט צו מאָנאַט, און דאָס באַווייזט לויט דער מיינונג פון די עקספּערטען אַז די בילדינג טריידס וועלען די ערשטע קומען צו זיך פון דעם קריזיס, פּונקט ווי זיי זיינען געווען די ערשטע צו ליידען פון איהם.

* * *

ווען מיר רעדען שוין פון די בילדינג טריידס, איז כדאַי צו דערמאָנען אַ מיאוסע שטיקעל אַרבייט וואָס מאַנכע ניו יאָרקער פיהרער פון בילדינג טרייד יוניאָנס זיינען דעם מאָנאַט באַנאַנגען נעגען שוועסטער־יוניאָנס פון זייער איינענער אינדוסטריע. זיי האָבען נעמליך געמאַכט אַ „דיל" מיט

און נעמען אויף זיי אן באשטעלונגען. די קליינע אונטערנעמער ווארטען ביז דער קונה קומט אליין מיט'ן שטיקעל סחורה, הייסט זיך נעמען א מאס און קלייבט זיך אויס א מאדעל פון זשורנאל.

די ארבייטער אין דעם פאך ארבייטען ניינציג פראצענט פון שטיק. די פרייזען זיינען דריי און פירפאך גרעסער ווי ביי די מאגאזין־שניידער, אבער די דורכשניטליכע פארדינסטען זיינען מיט איינציגע אויסנאהמען כמעט די זעלבע. ביי זיי הויבט זיך אן דער פריהלינג־סעזאן אין חודש מערץ און ענדיגט זיך אין מיטען יוני, און דער הערבסט־סעזאן הויבט זיך אן אין סעפטעמבער און ענדיגט זיך ענדע יאהר. דער פארגאנגענער סעזאן איז געווען זעהר א קלאגעדיגער. ער האט אינגאנצען געדויערט 6 וואכען. דער יעצטיגער פריהלינג־סעזאן הויבט זיך נאר־וואס אן. ווי לאנג ער וועט דויערן איז זעהר שווער פאראויסצוזעהן. יעדענפאלס, לאנג קען ער זיך ניט ציהען.

א באזונדערען ארט אין דער ווארשעווער דאמען שניידעריי פארנעמט דאס פאך פון קליידער־שניידער (דרעס מייקערס). ביי איך זיינען דערביי באשעפטיגט א סך מענער־ארבייטער. ביי אונז ליגט דאס פאך אויסשליסליך אין פרויען־הענד. אין דעם פאך זיינען באשעפטיגט איבער טויזענד מענשען. אבר די הויפט ארבייט, יעדענפאלס די מאגאזין־ארבייט, ווערט אויסגעפארטיגט דורך היים־ארבייטערינס (האום ווארקערס). זיי ארבייטען נאטירליך פאר די קלענסטע לוינען. אזא ארבייטערין פארדינט צווישען 3 און 4 גילדען א טאג מאקסימום. זיי האבען ניט קיין שום אנזעהן און ווערט ביי די ארבייטס־געבער, און כאטש די לעצטע צוויי יאהר האט זיך די אלגעמיינע לאגע אין דעם פאך באדייטענד פארבעסערט, ווייל א דאנק דער ענדערונג אין דער מאדע, צוליב וועלכע פרויען האבען אנגעהויבען צוריק טראגען לאנגע קליידער, איז ארבייט אין דעם פאך דא לרוב. דאך האבען די ארבייטערינס גארניט דערפון גענאסען. ווייל די היים־ארבייטער זיינען אין גאנצען ניט ארגאניזירט, און די וואס ארבייטען באשטעלטע ארבייט ביי פאבריקאנטען אדער מייסטערס האבען געהאט דאס אומגליק מיט עטליכע יאהר צוריק ארונטערצופאלען אונטער דער השפעה פון די קאמוניסטען, און די לעצטע האבען שוין אלעס געטאן כדי דאס פאך צום קבר צו דערפיהרען. פאר דער קאמוניסטישער השפעה האבען די קליידער־שניידערינס געהאט גלענצענדע ארבייטס־באדינגונגען (נאטירליך, לויט אונזערע פארהעלטנישען). היינט האבען זיי כמעט קיין ארגאניזאציע ניט. די השפעה אויפ'ן ארבייטס־מארק און די קאנטראל זיינען גלייך נול, און ווער ווייס ווי לאנג דאס קען נאך אזוי אנהאלטען?!

דאס ביז יעצט געזאגטע, דוכט זיך מיר, איז גענוג, איהר זאלט האבען א שטיקעל באגריף וועגען דער לאגע פון אונזערע דאמען־שניידער־ארבייטער אין ווארשא, און לויט אייערע השגות אין דעם דאלאר־לאנד מוזט איהר נאטירליך מיינען אז מענשען וועלכע לעבען אונטער אזעלכע אומשטענדען מוזען זיין גענוג דערשלאגען און אנטמוטיגט. קען איך אייך צום סוף נאך צוגעבען, אז דוקא די דאמען שניידער זיינען די קאמפסלוסטיגסטע מיטגלידער פון באקלייד־פאראיין. זיי זיינען דער אוואנגארד פון דער ארגאניזאציע און זיינען איהר איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. און אויב אין אנהויב פון יעצטיגען פריהלינג־סעזאן האבען איינצעלנע אונטערנעמער פרובירט רעדוצירען די אזוי אויך קלאגעדיגע ארבייטס־לוינען, האבען די דאמען מאגאזין שניידער־ארבייטער ניט געווארט אויף קיין כבוד, נאר האבען אליין די ערשטע פראקלאמירט אן אלגעמיינעם סטרייק, און טויזענד מענשען האבען נאך דריי חדשים הונגער אין בוכשטעבליכען זינען פון ווארט זיך געשטעלט אין דער רייהע ווי גוט־מושטירטע קאמפס־באטאליאנען און מיט דערפאלג אפגעשלאגען דעם אנגריף פון די בעלי בתים. און כאטש דער ווארשעווער באקלייד־פאראיין איז מאטעריעל זעהר ארים, האט גרויסע דעפיציטען, ניט ניט זיינע מיטגלידער קיין אונטערשטיצונגען (בענעפיטס), דאך זיינען זיך די מיטגלידער ווען ס'איז נויטיג פאר איהם מוסר נפש, ווייל זיי ווייסען אז אהן פאראיין וואלטען זיי באמת דורך זייערע ברויטגעבער באהאנדעלט געווארען ווי ווערלאזע שקלאפען. א דאנק דעם פאראיין, האבען זיי א השפעה אויפ'ן ארבייטס־מארק, קאנטראלירען די פראדוקציע אין אזא מאס, מיט וועלכען קיין פאראיין אין פוילען קען זיך ניט פארגלייכען, און — מעהר ווי דאס — א דאנק די פאראיינס־דערציהונג זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט'ן באוואוסטזיין פון זייער ארגאניזירטען קאלעקטיווען כח, וועלכען זיי וועלען אלעמאל ביי געהעריגע באדינגונגען קענען אויסנוצען פאר זיך און פאר'ן גאנצען ארבייטער־כלל.

שאפ פארטים ארגאנזירט פון טאראנטא שעפער.

די ארבייטער פון די פעשיאן קלאוק קאמפ., האבען דורכגעפיהרט א וואונדער שעהנעם באנקעט, ביי דעם באנקעט איז געווען פארטראטען ברודער ב. שעהן דער סופערווייזער פון דזשאינט באארד, וויס פרעזידענט קוירשנער און ברודער לאנדאן די ביזנעס אגענטען, שוועסטער סיידי רייך איז געווען אן עהרען גאסט. דער טשערמאן ברודער נייטען קאהען איז פרעזענטירט געווארען מיט א שעהנע גאלדענע וואטש און דער וויס טשערמאן ברודער דזשארדזש דזשורים איז פרעזענטירט געווארען מיט שעהנעם סעט פאונטען פען און פענסיל.

דער שאפ פון דייוויס און לובעלסקי האט אויך געהאט א שעהנעם באנקעט ביים טשערמאן אין הויז און דער טשערמאן ברודער איזידאר הייבער איז פרעזענטירט געווארען מיט 50 דאלאר אלס אנערקענונג פאר זיין גוטע ארבייט.

ביי די פארטי איז דער יוניאן אויס געווען פארטראטען דורך שוועסטער סיידי רייך, ברודער מאקס לאנדאן, ברודער סעם קרייזמאן, ברודער ת. לאנגער און ברודער א. קירזנער.

די ארבייטער פון דזש. און דזש. קא. האבען געפייערט דעם ערשטען מאי מיט א באנקעט אויף וועלכען די ברידער שעהן, קירזנער, לאנגער און לאנדאן זיינען אנוועזענד געווען. דער טשעמאן ברודער א. וועבערמאן איז פרעזענטירט געווארען מיט א 20 דאלאר גאלד פיס אלס אנערקענונג פאר די גוטע ארבייט.

די ארבייטער פון דאמיניאן קלאוק קא. האבען ביי א ספעשעל שאפ מיטינג פרעזענטירט דעם טשערמאן ברודער פעני וויס מיט 25 דאלאר אלס אנערקענונג פאר זיין גוטע ארבייט דורך די צייט פון דעם סעזאן.

דער האז

(באארבייט)

פון נחום י.

א האז האט א פארביטערטער אמאל געטראכט:
— „צו וואס האט מיך דער מזל אויף דער וועלט געבראכט?
איך ציטער דאך פאר יעדער זאך, פאר יעדען ווינטעל,
פאר יעדען רויש פון בלאט וואס פאלט אראפ —
און הויבט אן בילען וואו א הינטעל
פארליר איך דאך אינגאנצען גאר מיין קאפ!
איך ציטער,
און האב קיין רו, אפילו אין שלאף...
פאר וואס קומט מיר אין לעבען אזא שטראף?
דער טויט מעג זיין ווי ביטער,
אלץ בעסער ווי א לעבען פול מיט שרעק"...
אזוי האט אונזער האז באשלאסען און אוועק
צום וואסער, זיך דערטרינקען.
נאר צוקומענדיג נעהענטער צום טייך,
האט ער דערזעהן ווי זשאבעס האבען גלייך
אין וואסער שנעל פון איהם גענומען שפרינגען
—„אהא?" — איז דא דער האז געבליבען שטעהן ביים ברעג,—
„ווייזט אויס, עס קאן נאך געבען
אז א י ך זאל אנווארפען אויף עמיצען א שרעק. —
נו, אויב אזוי , איז שוין כדאי צו לעבען..."

אין אונזער אינטערנעשאנאל

יעדער איינער הויבט שוין אן איינזעהן און צוגעבען, אז די „קלוב ביזנעס" ווערט שוין א פראבלעמע אין אונזער יוניאן.

פון אלע זייטען קומען אן קלאגען, אז ניט נאר ווערט אין די דאזיגע „קלובען" באטריבען יוניאן־פאליטיק, נאר אז אין מאנכע לאקאלען נעמען די אזוי גערופענע „קלובען" איבער די פאקטישע ארבייט פון דער יוניאן. מעמבערס הויבען אן פרעגען: ווער פארוואלטעט די ארגאניזאציע אין די דאזיגע לאקאלען? די קלובען, אדער די געזעצליך־ערוועהלטע באאמטע און עקזעקוטיוועס וועלכע דארפען זיין פאראנטווארטליך צו די מיטגלידער?

דאס איז די אורזאכע פארוואס די דאזיגע אנגעלעגענהייט איז ארויפגעשטעלט געווארען אויפ׳ן טאג־ארדנונג ביי דעם לעצטען מיטינג פון דער גענעראל־עקזעקוטיוו באארד אין אטלאנטיק סיטי און דער באשלוס פון דער עקזעקוטיווע צו באשטימען א קאמיטע וועלכע זאל שטודירען די פראגע פון אלע זייטען און אריינברענגען א באריכט און רעקאמענדאציעס צום נעקסטען מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע, איז אין איינקלאנג מיט דעם סענטימענט. מיר ווילען געבען די מעמבערס א געלעגענהייט זיך אליין צו פארטראכטען איבער דער פראגע און ציהען די געהעריגע שלוסען. מיר ווילען קלאר מאכען די זאך: עס איז ניט קיין קאמוניסטישע פראבלעמע וואס מיר האבען איצט פאר זיך, ווייל אין די קלובען אדער גרופען זיינען אנגעשלאסען א סך איבערגעבענע מיטגלידער פון דער יוניאן. מענער און פרויען, וועלכע וואלטען זיך געפיהלט טיף באליידיגט ווען מען זאל זיי באשולדיגען אז זיי זיינען ניט לאיאל צו דער „אינטערנעשאנאל". טראץ דעם שטעלט זיך פונדעסטוועגען די פראגע: איז ניט דאס באלאנגען צו א „קלוב" א דירעקטער באווייז פון א צוטיילטער געטריישאפט? באשאפט עס ניט א „שטאט אין א שטאט" אין אונזער ארגאניזאציע? און דארף ניט, בלויז אויף דעם גרונט אליין, א מעמבער פון א קלוב פארבאטען ווערען צו האלטען אן אמט אין דער יוניאן?

צו וואס די הערשאפט פון א „קלוב" קען פיהרען אין מאנכע לאקאלען, איז שארף ארויסגעבראכט געווארען פון דעם פאל אין באסטאנער פרעסערס לאקאל, וואו דער קלוב האט זיך פאקטיש ארויסגעוויזען אלס די גאנצע מאכט אין דער יוניאן צו אזא גראד, אז ער האט קאנטראלירט דעם שיקען ארבייטער אויף דזשאבס אין די שעפער. זיכער איז עס א לאגע וועלכע קען ניט געדולדעט ווערען און וועלכע קיין געטרייער מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל וואלט ניט וועלען זעהן געקאפירט אין וועלכער עס איז אנדער שטאדט אדער לאקאל יוניאן.

פון ד. דובינסקי.
דזשענעראל סעקרעטאר טרעזשורער.

●

דעם באריכט וואס מיר האבען געהערט ביים מיטינג פון דער גענעראל עקזעקוטיווע וועגען דעם כסדר׳דיגען פארטשריט וואס לאקאל 62, וואס איז נודס מאכערס יוניאן, מאכט לעצטענס, ארגאניזירענדיג אין וויכטיגען שאפ נאכ׳ן צווייטען, איז זעהר פרעהליכע נייעס, איבערהויפט ווען מען נעמט אין אנבאטראכט די באזונדערס שלעכטע צייטען אין אלגעמיין און די קארגע מיטלען וואס דער דאזיגער לאקאל האט. עס איז אויך געווען א פארגעניגען זיך צו דערוויסען, אז די קאטערס יוניאן לאקאל 10 גיט די אונטערוועש ארבייטער אויסגעצייכנטע הילף אין יעדער אנשטרענגונג וואס זיי מאכען צו ארגאניזירען די ארבייטער אין ניט־יוניאן פירמעס. הילף סיי דורך די קאטינג דעפארטמענטס און סיי אויפ׳ן פיקעט־ליין.

מען מוז געדענקען אז אין דעם אונטערוועש טרייד איז די לעצטע עטליכע יאהר פארגעקומען שארפע ענדערונגען. פון א פאך וואו מען ארבייט כמעט אויסשליסליך קאטען־ארבייט איז עס פארוואנדעלט געווארען אין א טרעיד וואו עס ווערט געארבייט זייד. די פאבריקען זיינען פארגרעסערט געווארען, און דער טרייד האט זיך איינגעפונדעוועט אין ניו יארק. דאס מאכט די אויסזיכטען צום ארגאניזירען דעם טרייד און דארט איינשטעלען גלייכע יוניאן באדינגונגען פיל גרינגער און בעסער.

ברודער ס. שאר, וועלכער פיהרט אן די אויפלעבונג פון לאקאל 62 אלס „סופערוויזער" פאר די לעצטע 7 מאנאטען, באווייזט, אז דעם צוטרויען וואס מען האט געהאט צו זיין פעהיגקייט און ענערגיע איז געווען בארעכטיגט. אויב לאקאל 62 זאל זיך ווייטער פארטזעצען צו מאכען פארטשריט אזוי ראשיג ווי ביז איצט, וועט די אינטערנעשאנאל זיכער געבען די אונטערוועש ארבייטער די נויטיגע הילף אין זייער ערווארטעטען „דזשענעראל דרייוו" און זיי העלפען פארזיכערען דעם ארגאניזירען פון דער דאזיגער וויכטיגער, גרויסער אפטיילונג פון אונזער אינדוסטריע אין גרעיטער ניו יארק.

* * *

די עטליכע שטונדען וואס מיר האבען פארבראכט לעצטען זונטאג, 17טען מאי, ביי דער ערשטער יעהרליכער פייערונג פון אונזער באלטימארער קלאוקמאכער יוניאן לאקאל 4 זיינען געווען אנגענעמע פון מעהר ווי איין שטאנדפונקט.

מיר האבען איצטער אן אמת׳ע יוניאן אין באלטימאר. זיכער איז עס א קליינע ארגאניזאציע. אבער א פעסטע גרופע פון איבערגעבענע מיטגלידער וועלכע, איך וויל האפען, וועלען בלייבען ארגאניזירט און וועלען לערנען צו שעצען די נוצען פון זיין ארגאניזירט אין דער צוקונפט. עס ווייזט אויס אז די אנשטרענגונג און געלד וואס די אינטערנעשאנאל האט אויסגעגעבען אין באלטימאר איז ניט אומזיסט.

עס זיינען נאך דא אין באלטימאר א פאר ניט־יוניאן קלאוק־שעפער וועלכע זייען וויכטיג פון דעם שטאנדפונקט פון דארטיגען קלאוק־טרייד און וועלכע לויט דער מיינונג פון די לאקאלע פיהרער מוזען אומבאדינגט יוניאניזירט ווערען. אויב די באלטימארער קלאוקמאכער וועלען פארטזעצען צו טאן זייער טייל אונטער דער ענערגישער פארוואלטונג פון ברודער סאלמעץ, און נאכקומען זייערע פליכטען ווי לאיאלע יוניאן מעמבערס האבען מיר אורזאכען צו גלויבען, אז אויך די דאזיגע האפנונג זייערע וועט אין א קורצער צייט פארווירקליכט ווערען.

* * *

מיר זיינען זעהר צופרידען וואס די פראגע וועגען אן אימפארשיאל טשערמאן אין דער ניו יארקער קלאוק אינדוסטריע איז געלעזט געווארען דורך דער גלענצענדער ערוועהלונג פון מר. דזשארדזש וו. אלדזשער. קיין בעסערער אויסוואהל האט לויט מיין מיינונג, נאר ניט געקענט געמאכט ווערען.

די פראגע וועגען ערוועהלען א שטענדיגען אימפארשיאל טשערמאן פאר דער דרעס און וויסט אינדוסטריע בלייבט נאך אבער אלץ ניט ערלעדיגט. לאמיר האפען, אז די דאזיגע אנגעלעגענהייט וועט ניך ערלעדיגט ווערען דורך דער איינשטימיגקייט פון די אלע צדדים וואס זיינען אין דעם פאראינטערעסירט.

* * *

דער שטארקער אפיל פון די דרעסמאכער פון שיקאגא און פילאדעלפיא פאר הילף צו ארגאניזירען די דאזיגע אינדוסטריע אין זייערע שטעדט, האט איבערגעלאזען א שטארקען איינדרוק אויף די מעמבערס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו. נאך קיינמאל פריהער אין דער געשיכטע פון זייער טרייד האבען די דרעס־מאכער ניט געפיהלט אזוי שטארק די נויטיגקייט פאר א שטארקער יוניאן ווי זיי פיהלען עס איצטער. די שלעכטע עקאנאמישע באדינגונגען האבען אין דעם דאזיגען טרייד געשאפען אן ערגערע לאגע ווי אין וועלכען עס איז אנדער צווייג פון אונזער אינדוסטריע. אין די אומארגאניזירטע מארקעטס זיינען די באסעס ווילד געווארען און זיי פארוואנדלען זייערע פאבריקען אין אמת׳ע סוועט־שעפער וואו באדינגונגען — שטונדען, וויידזשעס און די באהאנדלונג פון די בעל מלאכות איז אונערטרעגליך.

די אינטערנעשאנאל איז זיכער זעהר, זעהר שטארק פאראינטערעסירט אין דער

טעמעני פּאָליטישענס לטובת זייערע אייגע־
נע מעמבערס אויפ'ן חשבון פון די אַר־
בייטער פון אַנדערע, שוואַכערע טריידס.

די געשיכטע איז אַזוי געווען: צוויר־
שען די בילדינג טרייד יוניאָנס מיט דער
ניו יאָרקער שטאָדט־אַדמיניסטראַציע געהט
אָן אַ סכסוך שוין אַ גאַנץ לאַנגע צייט
וועגען די ווידזשעס פון די אַרבייטער פון
בילדינג טריידס וואָס די שטאָדט באַשעפ־
טיגט. דער געזעץ לויטעט, אַז אויף קהל'־
שע אַרבייט מוזען די אַרבייטער קריגען
דעם געוועהנליכען געהאַלט וואָס אַרבייטער
פון דעם טרייד באַקומען אין שטאָדט ביי
פּריוואַטע אונטערנעמער. דער „געוועהנ־
ליכער געהאַלט" ווערט אויסגעטייטשט די
שכירות וואָס 40 פּראָצענט פון די אַרבייר־
טער פון אַ טרייד באַקומען. וויפיל־זשע
זיינען די דאָזיגע שכירות אין ניו יאָרק?

האָבען גע'טענה'ט די יוניאָנס, אַז אין
ניו יאָרק זיינען מעהר ווי 40 פּראָצענט
פון אַלע בילדינג טרייד אַרבייטער אָרגאַ־
ניזירט אין יוניאָנס, דעריבער איז דער
יוניאָן־סקייל פון 13 דאָלאַר מיט 20 סענט
אַ טאָג דער „געוועהנליכער געהאַלט". די
שטאָדט־טאַטעס האָבען נאַטירליך ניט גע־
וואָלט אַזוי פיל צאָהלען און האָבען באַ־
שטימט קלענערע שכירות.

האָט זיך דער סיכסוך געצויגען און
געצויגען, ביז מען האָט עס שוין לענגער
ניט געקענט פאַרציהען. האָט מען געהייר־
סען קאָמישאָנער קאָהלער מאַכען אַן אונ־
טערזוכונג און פעסטשטעלען וויפיל עס זייר־
נען די געוועהנליכע ווידזשעס פון אַר־
בייטער פון יעדען טרייד. דער קאָמישאָנער
האָט גענומען איין קלייניגקייט: ער האָט פון
דער אונטערזוכונג אויסגעלאָזען די מערסטע
יוניאָן־קאָנטראַקטאָרס און האָט אונטער־
זוכט אַלע ניט־יוניאָן פירמעס. אויף אַזאַ
אופן האָט ער געמאַכט אַ חשבון אַז די
ווידזשעס פון פּעינטערס איז 9 דאָלאַר אַ
טאָג, פון עלעקטרישענס — 7 דאָלאַר אַ
טאָג, און אַזוי כסדר.

האָבען די יוניאָנס אויפגעהויבען אַ גע־
וואַלד. זיך איינגעריסען מיט די בילדינג
טרייד יוניאָנס און איבערהויפּט מיט'ן ביל־
דינג טרייד קאָונסיל לוינט זיך ניט פאַר
טעמעני. האָט מען די עפענטליכע פאַר־
הערען פאַר דער באָארד אָוו עסטימעיט
כסדר אָפּגעלעגט און מען האָט געזוכט צו
קומען צו אַ פאַרשטענדניס מיט מאַנכע
יוניאָן פיהרער הינטער די קוליסען. דאָס
איז דערגרייכט געוואָרען אויף פאָלגענדען
אופן: די שטאַרקע יוניאָנס, ווי די קאַר־
פּענטערס, עלעקטרישענס און אייניגע אַנ־
דערע וועלכע באַלאַנגען צום קאָונסיל האָט
מען נאָכגעגעבען און באַשטימט די וויר־
דזשעס פאַר זייערע טריידס לויט דעם יונ־
יאָן־סקייל. די יוניאָנס אָבער וועלכע באַ־
לאַנגען ניט צום בילדינג טרייד קאָונסיל,
ווי די פּעינטערס, און די שוואַכערע יונ־
יאָנס, ווי די באָילער מייקערס און עהנ־
ליכע, די אינטערעסען פון זייערע מעמ־
בערס מעג מען מקריב זיין. אַזוי אַרום
וועט זיין אי דער וואָלף זאַט אי די צי־
גאַנץ: די פיהרער פון די שטאַרקערע יונ־
יאָנס צוזאַמען מיט די פיהרער פון קאָונ־
סיל זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם אָפּמאַך.

גליקליכערווייזע איז דער דאָזיגער
מיאוסער „דזשאָב" ניט געלונגען. די פאַר־
שטעהער פון די קלענערע יוניאָנס האָבען
זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע און זייר־
נען געקומען צו די קאָנפערענצען ניט גע־
בעטענערהייד. די פּאָליטישענס זיינען גע־
צוואונגען געוואָרען אָפּצולעגען די פאַר־
הערען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און די
גאַנצע פראַגע הענגט ווידער אין דער
לופטען.

* * *

די טעקסטיל אַרבייטער אינטערנעשאָ־
נאַל האָט צוריקגעצויגען דעם טשאַרטער
פון דעם קאַרפּעט־וועבער לאָקאַל 25 פון
פילאַדעלפיא, וועלכע זיינען אַרויס אין אַ
סטרייק געגען אַ פאַרזוך פון זייערע בעלי
בתים צו שניידען די ווידזשעס. פּרעזי־
דענט מעקמעהאָן האָט זיי געהייסען געהן
צוריק צו דער אַרבייט און זיך פאַרלאָזען
אויף אַרביטריישאָן, און דער לאָקאַל האָט
זיך אנטזאָגט דאָס צו טאָן.

דער סטרייק האָט איבער דער דאָזיגער
האַנדלונג געמוזט אויפגעגעבען ווערען. די
אַרבייטער זיינען אָבער אַזוי פאַרביטערט
אַז זיי אַנטזאָגען זיך צו באַלאַנגען צו דער
יוניאָן. מעיאָר מעקעי האָט פּרובירט צו־
זאַמענברענגען די אַרבייטער מיט אַ פאַר־
שטעהער פון דער אינטערנעשאָנאַל אום
צו מאַכען שלום.

קיין פּרושים זיינען דוכט זיך אויף דעם
ניט נויטיג...

* * *

די ניו יאָרקער אידישע בעקער האָבען
היינטיגען מאָנאַט דורכגעמאַכט אַ קורצען
ערפאָלגרייכען סטרייק פון וועלכען אַרבייר־
טער קענען פיל לערנען.

דער אַגרימענט פון די בעקער יוניאָנס
מיט די בעלי בתים איז אויסגעגאַנגען דעם
ערשטען מאַי. ווי געוועהנליך, זיינען פריי־
הער געהאַלטען געוואָרען קאָנפערענצען. אין
אָנפאַנג האָבען די יוניאָן לאָקאַלען באַ־
שלאָסען אין גאַנצען ניט אונטערצושרייבען
קיין אַגרימענט מיט דער באָסעס אַסאָסיאַיר־
שאָן נאָר צווינגען די באָסעס אונטערצו־
שרייבען אינדיווידועלע אַגרימענטס מיט
דער יוניאָן. ווען די בעקער אינטערנעשאָ־
נאַל האָט אָבער געאָרדערט די לאָקאַלען
איינצוגעהן אויף אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך,
האָבען זיי געפאָלגט. די בעלי בתים זייר־
נען ביי זיך געוואָרען פאַרדריסען און האָבען
אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען. זיי האָבען
פאַרלאַנגט אַ פאַרקלענערונג אויף די וויר־
דזשעס און אָפּשאַפען די צוטיילונג פון
אַרבייט. ביי די בעקער איז עס איינגע־
פיהרט פון לאַנגע יאָהרען, אַז קיין יוניאָן־
מעמבער טאָר ניט אומגעהן לעדיג. די
וועלכע האָבען דזשאָבס גיבען אַרונטער אַ
טאָג אַרבייט אַ וואָך און לאָזען די אַר־
בייטסלאָזע אַרבייטען אויף זייערע פּלעצער.
דעם מנהג האָט די אַסס'ן געוואָלט אָפּשאַפען.

די קאָנפערענצען זיינען אָפּגעבראָכען
געוואָרען און דעם ערשטען מאַי, 5 אַזייר־
גער פאַרטאָג, זיינען די בעקער אַרונטער
אין סטרייק. ווען די באָסעס האָבען דער־
זעהן אַז די געשיכטע ווערט „פאַרדאַמט
ערנסט" זיינען זיי געקומען צו לויפען איינ־
ציגווייז און אונטערגעשריבען אַגרימענטס
מיט דער יוניאָן. די גאַנצע געשיכטע האָט
געדויערט בלויז אַ פּאָר טעג. פון די 450
באָסעס האָבען 440 געסעטעלט. די עטלי־
כע וואָס זיינען געבליבען אין סטרייק
קענען אויך לאַנג ניט אויסהאַלטען. אָנ־
שטאָט ברעכען די יוניאָן, ווי די באַלעבאַ־
טים האָבען גע'חלומ'ט, איז זיך צוקראָכען
די אַסאָסיאַיישאָן.

* * *

די אינטערנעשאָנאַל פּאָקעט בוק מאַ־
כער יוניאָן האַלט ערב אַ סטרייק. דער
אַגרימענט צווישען דער יוניאָן מיט דער
אַסאָסיאַיישאָן איז היינטיגען מאָנאַט אויס־
געגאַנגען. די קאָנפערענצען וואָס זיינען
געהאַלטען געוואָרען פריהער און נאָכדעם
האָבען צו גאָרניט געפיהרט. די באָסעס
האָבען פאַרלאַנגט אַזוינע הנחות, וועלכע
די יוניאָן קען באין אופן ניט נאָכגעבען
און בלייבען אַ יוניאָן. זיי האָבען פאַר־
לאַנגט אַ פאַרקלענערונג פון ווידזשעס, אַ
דעה אין קאָנטראָל איבער דער אַרבייטס־
ביוראָ וועלכע שיקט בעל מלאכות אויף
דזשאָבס און נאָך אַזוינע זאַכען. די קאָנ־
פערענצען זיינען אָפּגעבראָכען געוואָרען
און עס וועט וואַרשיינליך מוזען קומען צו
אַ קאַמף גאָר אין גיכען.

* * *

אויך די אַמאַלגאַמייטעד אָרגאַניזאַציע
פון ניו יאָרק שטעהט פאַר אַ קאַמף מיט
די בעלי בתים. דער אַגרימענט מיט די
מענער קליידער פאַבריקאַנטען אין ניו יאָרק
נעהמט אויס סוף יוני. די שכירות פון די
ניו יאָרקער שניידער און זייערע אַרבייטס־
באַדינגונגען זיינען פאַר די לעצטע עטליכע
יאָהר שטאַרק פאַרערגערט געוואָרען. די
אַרבייטסלאָזיגקייט צווישען זיי איז אומגע־
הויער. עס האָבען זיך אָנגעסליבען פאַר־
שיידענע איבלען אין טרייד וועלכע קענען
דוכט זיך אָהן אַ קאַמף ניט אָפּגעשאַפט
ווערען.

* * *

אַ נייער סאָרט פּראָלעטאַריער זיינען
היינטיגען מאָנאַט אַרונטער אין סטרייק.
דאָס זיינען די אַרבייטער פון די „ביוטי
פּאַרלאָרס". דער טרייד איז אַ פאַרהעלט־
ניסמעסיג נייער. די באַדינגונגען פון די
מיידלאך וועלכע ווערען דאָרט באַשעפטיגט
זיינען אומערטרעגליך. זיי אַרבייטען צוויר־
שען 70 און 75 שטונדען אַ וואָך. די
מעהרסטע פון זיי קריגען פון 3 ביז 20 דאָ־
לאַר אַ וואָך. 3 דאָלאַר פאַר לערנערס און
20 דאָלאַר פאַר די בעסטע ערפאַהרענע
אַרבייטער. די אַרבייטער האָבען זיך אין
די לעצטע 6 מאָנאַטען אָרגאַניזירט און
זוכען צו קריגען אַ טשאַרטער פון דער
באַרבערס אינטערנעשאָנאַל. דער סטרייק
געהט אָן ערפאָלגרייך.

דער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון דער דזשענ. עקזעק. פון דער אינטערנעשאנאל אין אטלאנטיק סיטי

אלגעמיינער באריכט

די שטימונג אויף דעם לעצטען פערטעל יעהרליכען מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין אטלאנטיק סיטי, איז געווען א סך אן אפטימיסטישערע, ווי אויף דער, וואס איז אפגעהאלטען געווארען מיט דריי חדשים צוריק אין ניו יארק.

מיט דריי חדשים צוריק האט עס אויסגעזעהן, אז דער פרילינג ארבייטס־סעזאן וועט אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע זיין זעהר א שלעכטער. די באריכטען, וואס זיינען אפגעגעבען געווארען אויף דעם מיטינג זיינען געווען זעהר פעסימיסטיש, איין באריכט פעסימיסטישער פון דעם צווייטען. עס האט אויסגעזעהן, אז דער אלגעמיינער קריזיס אין לאנד האט זיך מיט א באזונדערען צארן ארויפגעווארפען אויף דער פרויען־קליידער אינדוסטריע און וויל מאכען פון איהר א. סוף. עס האט זיך אבער אויסגעלאזען ניט אזוי שלעכט, ווי מען האט זיך פארגעשטעלט. דער אנפאנג פון סעזאן איז טאקע געווען א שלעכטער, אין מאנכע ערטער זעהר א שלעכטער, אבער ביסלעכווייז האט ער זיך אנגעפאנגען פארבעסערען און ער איז אין דורכשניט געווען מיט חסד. און ניט בלויז אין ניו יארק, נאר אויך אין די אנדערע שטעדט.

און צו דער בעסערער שטימונג פון דעם מיטינג האט אויך פיל צוגעגעבען, וואס פרעזידענט שלעזינגער איז איצט אין א פיל בעסערען געזונטס־צושטאנד און עס זיינען פאראן אלע האפנונגען, אז ער וועט קירצליך זיך קענען צוריקקערען אין ניו יארק און איבערנעמען די פולע פליכטען פון זיין אמט.

ווען פרעזידענט שלעזינגער האט געעפענט דעם מיטינג האט ער געמאכט א פראבע צו ענדערען די אלטע רוטין פון די מיטינגען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע, וואס פריהער הערט מען אויס אלע באריכטען פון די ווייס־פרעזידענטען און קאמיטעס און נאכדעם דיסקוטירט מען די פראגען, וועלכע זיינען אין זיי בארירט געווארען. פרעזידענט שלעזינגער האט אט דעם אלטען מנהג פראבירט ענדערען אויף אזא אופן, אז גלייך נאך יעדען באריכט זאל מען אויפנעמען צו דיסקוטירען די פראגען וועלכע זיינען אין איהם בארירט געווארען און אננעמען וועגען זיי די נויטיגע באשלוסען. אבער עס זעהט אויס, אז אלטע איינגעפונדעוועטע מנהגים זיינען שווער צו ברעכען און דער מיטינג איז דעריבער אנגעגאנגען לויט דער אלטער אנגענומענער רוטין.

דער ערשטער צו באריכטען איז געווען ערשטער ווייס־פרעזידענט נינפא. ער שטעלט זיך אין זיין באריכט ספעציעל אפ אויף זיינעם א באזוך, וואס ער האט געמאכט פאר דער אינטערנעשאנעל אין באסטאן. ער איז אהין געפארען צוליב דעם קלוב פון די פרעסער, וואס דארטען איז ארגאניזירט געווארען און וואס שטעלט נאך זיין מיינונג, אין געפאר די עקזיסטענץ פון דער יוניאן. דער קלוב איז ניט געגרינדעט געווארען צוליב וועלכע עס איז פאליטישע מיינונגס־פארשידענהייטען אדער ריכטונגען אין דער יוניאן, נאר עס איז א יוניאן אין א יוניאן. אין קלוב ווערען דורכגעפירט די וויכטיגסטע פונקציעס פון דער יוניאן און ווען א פרעסער דארף האבען א דזשאב מוז ער זיך ווענדען צום קלוב.

ווייס־פרעזידענט קרעמער פון באסטאן, שטעלט זיך אויך אפ אין זיין באריכט וועגען דעם פרעסער קלוב און ער באשטעטיגט ברודער נינפא'ס מיינונג, אז דער קלוב איז א געפאר פאר דער יוניאן. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די מיטגלידער פון קלוב האלטען זיך פאר גוטע יוניאן־לייט.

דער פרילינג סעזאן אין קלאוק טרייד איז געווען ניט קיין שלעכטער אין באסטאן און די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער זיינען שטרענג אפגעהיט געווארען, אבער אין דרעס טרעיד איז געווען ווייניג ארבייט און די ארבייטער האבען ווייניג פארדינט. ער פארלאנגט, אז די אינטערנעשאנעל זאל שיקען אן ארגאנייזער אין באסטאן, ווייל עס זיינען פאראן מעהרערע שעפער, וואס זיינען נאך ניט ארגאניזירט און קענען ארגאניזירט ווערען.

ווייס־פרעזידענט קריינדלער פון קליוו־

פארשיידענע איינגאמען — — —	454.17
י. ל. ג. וו. י. באנדס — — —	100.00
געלד אויפגענומען:	
פון לאקאלס, ארג. אויסגאבען	5,150.00
פאלקסצייטונג און בונד — —	395.00
פוילישע נאדעל ארבייטער —	596.00
קאלעקשאן פאר ל. 72 סטרייק:	
לאקאל 22 — — — — —	1,000.00
לאקאל 85 — — — — —	200.00
טאטאל איינגאנמען — — —	$226,466.35

סטייטמענט פון אויסגאבען

(פון 1טען יאנואר ביז 9טען מאי 1931)

סאלאריס:	
גענ. באאמטע און אפיס — —	8,682.00
אדמיניסטראטיווע אויסגאבען —	17,933.49
אינטערעסט און דיסקאונטס	
אויף נאוטס — — — — —	3,807.70
אינטערעסט אויף י. ל. ג. וו. י.	
באנדס — — — — — —	2,208.75
אודיטינג דעפארטמענט — — —	2,850.00
עדיוקיישאנאל דעפארטמענט — —	1,007.00
רעקארד דעפארטמענט — — —	1,981.65
מיילינג דעפארטמענט — — —	1,156.02
פאבליקיישאן דעפארטמענט — —	10,791,22
ארגאנייזערס' סאלארים — — —	10,744.50
ארגאניזינג עקספענס — — —	14,748.17
ביישטייערונגען צו ל. 72 סטרייק	10,000.00
אויסגעלעגט פאר ג. י. לאקאלס	
צו לאקאל 72 — — — —	2,500.00
לאיערס — — — — — —	4,302.25
דזשענ. עקז. ב. עקספענסעס —	957.67
א. ב. און ל. פער קאפיטא —	3,300.00
ביישטייערונגען — — — — —	4,310.55
ספעשעל טעקס (אלד אייזדזש) —	2,390.00
אויסגעלייזט י. ל. ג. וו. י. באנדס	1,500.00
נאוטס — — — — — —	34,500.00
הלואות — — — — — —	9,548.40
מאנאטל. צאהלונגען אויף חובות	21,024.29
סעקיוריטיס — — — — —	56,842.95
אנטליגען — — — — —	2,090.00
קאלעקשאנס אויסגעצאהלט:	
פאלקסצייטונג און בונד — —	1,000.00
פוילישע נאדעל ארבייטער —	1,700.00
טאטאל אויסגאבען — — —	$230,876.61

ווען מען שטודירט דורך די צוויי טאבעלען זעהט מען, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער אונגינסטיגער ארבייטס־סעזאן, באזונדערס אין דעם דרעס טרעיד, האט דער דזשענעראל אפיס דאך געהאט אן איינגאמע פון 226 טויזענד און 466 דאלאר אין די ערשטע 14 וואכען פון דעם איצטיגען יאהר. און דאס איז, נאך אונזער מיינונג, אן אויגעצייכענטער ערפאלג.

פון דער אנדער זייט קען מען זעהן, אז פאר דער זעלביגער צייט זיינען די אויסגאבען פון דער אינטערנעשאנאל געווען 230 טויזענד און 876 דאלאר. אבער פון דעם איז א גאנץ גרויסער טייל געגאנגען אויף צו באצאהלען דרינגענדע חובות.

לאמיר האפען, אז דער נעקסטער ארבייטס־סעזאן אין אונזער אינדוסטריע וועט זיין א בעסערער און דאן וועלען אי די ארבייטער בעסער פארדינען אי די אינטערנעשאנאל וועט האבען א גרעסערע איינגאהמע און עס וועט נעהנטער קומען די צייט, ווען אונזער יוניאן וועט זיך אין גאנצען באפרייען פון דער שווערער משא פון חובות וואס דריקען איהר.

דאָזיגער שווערער לאַגע פון די דרעססמאַכער אין פילאַדעלפיא און שיקאַגאָ. עס איז צווישען אונז נישטאָ די מינדעסטע מיינונגס פאַרשידענהיים, אַז די דרעס מאַכער אין די ביידע שטעדט מוזען אָרגאַניזירט ווערען. אויב עס איז נאָך ביז איצט ניט געמאַכט געוואָרען קיין שטאַרקע אָנשטרענגונג אין דער ריכטונג איז עס בלויז דערפאַר וואָס די עקאָנאָמישע און אינדוסטריעלע באַדינגונגען האָבען עס ביז איצט געמאַכט ניט ראַטזאַם. די אינטערנעשאָנאַל וועט איצט נאָך שטאַרקער זיין אויף דער וואַך פאַר אַ געלעגענהיים, און זאָלען די באַדינגונגען ווייזען סמנים פון פאַרבעסערונג, וועט אָהן צווייפעל אָנגעהויבען ווערען אַ באַוועגונג אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב צו אָרגאַניזירען די דרעס־שעפער און מאַכען אַ סוף צום כאַאָס; אומפאַראַנטוואָרטליכקייט און די אומבאַשרייבליכע אַרבייטס - באַדינגונגען וואָס הערשען אין דעם פאַך.

* * *

און איצט וויל איך פאָרלעגען פאַר אונזערע לעזער, מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, עטליכע ציפערען — אַ טייל פון דעם באַריכט וואָס מיר האָבען פאָרגעלעגט פאַר דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו, וואָס האָט דירעקט צו טאָן מיט אונזערע איינגאַמען און אויסגאַבען; די אַסעסמענטס וואָס זיינען - איינגעצאָהלט געוואָרען; די חובות, וואָס מיר האָבען אָפּגעצאָהלט, און די צאָהל מעמבערס אין דער אינטערנעשאָנאַל אין דעם איצטיגען מאָמענט.

די דאָזיגע ציפערען ווייזען, ערשטענס, אַז זינט נאָך דער קליוולאַנדער קאָנווענשאָן אין דעצעמבער 1929, האָבען מיר אָפּגעצאָהלט פאַרפליכטונגען און חובות אויף דער סומע פון 417,078.45 דאָלאַר. פון דער סומע איז 234,565 דאָלאַר געשאַפען געוואָרען דורך דעם 10 דאָלאַר טעקס וואָס די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסען, און 182,513.45 דאָלאַר איז גענומען געוואָרען פון די רעגעלע איינקונפטען פון דער אינטערנעשאָנאַל. דאָס האָט אָוועקגענומען אַ היבשען טייל פון אונזער הכנסה און מיר זיינען צוליב דעם געצוואונגען געווען ניט אונטערצונעמען געוויסע קאַמפּיינס און אַנדערע טעטיגקייטען וואָס מיר האָבען געוואָלט אונטערנעמען, ווייל מיר האָבען געדענקט אַז דער כבוד פון דער אָרגאַניזאַציע און כדי אויפצוהאַלטען די צאָהל־פעהיגקייט און קרעדיט פון דער יוניאָן מוזען מיר נאָכקומען די פאַרפליכטונגען וואָס ליגען אויף אונז.

די דאָזיגע סומע פון 417,078.45 דאָלאַר איז אָפּגעצאָהלט געוואָרען אין די לעצטע 17 מאָנאַטען פאַר הלואות וואָס מיר האָבען געקראָגען אין עטליכע בענק און פאַר סעקיוריטי געלד פון בעלי בתים וואָס די קאָמוניסטען האָבען פאַרטאַכליעוועט אין 1926. די דאָזיגע סומע שליסט אָבער ניט איין די ריזיגע פאָדרען וואָס די אינטערנעשאָנאַל און די יוניאָן אַלס גאַנצע האָט געשאַפען צום פינאַנסירען דעם קלאָוקמאַכער סטרייק פון 1929, דעם דרעסמאַכער סטרייק פון 1930 און די אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיינס וואָס מיר האָבען אָנגעפיהרט אין איינינגע שטעדט.

פאַקטיש איז אונז פונדעסטוועגען געלונגען צו פאַרקלענערען אונזערע שולדען מיט 700,000 דאָלאַר, ווייל מען מוז האָבען אין זינען אַז אומקערענדיג די סעקיוריטי צו די בעלי בתים צאָהלען מיר ניט צוריק די פולע סומע וואָס די רעסיטס ציינען. דאָס פאַרקלענערען אונזערע חובות מיט 700,000 דאָלאַר, באַטראַכטען מיר פאַר אַ גרויסע דערגרייכונג. אָבער ווען מיר שטעלען עס אַוועק זייט ביי זייט מיט דעם פאַקט אַז מיר זיינען נאָך אַלץ שולדיג איבער אַ מיליאָן דאָלאַר מוזען מיר אַלע באַגרייפען, אַז מיר האָבען נאָך אַלץ אַ שווערע פינאַנציעלע לאַסט אויף אונזערע פלייצעס און מיר מוזען אָנגעהן מיט אונזער אַרבייט און פּלענער, האַלטענדיג כסדר דעם וויכטיגען פונקט אין זינען.

טאַבעלע פון די קאָנווענשאָן אַסעסמענטס וואָס עס האָבען איינגעצאָהלט די לאָקאַלען און דזשאָינטס באָארדס פון אַפּריל דעם 1טען 1930, ביז דעם 9טען מאַי 1931

לאָקאַל נומער	(לויט'ן 1930) צאָל מעמבערס	איינגעצאָהלט	פּער מעמבער
1	6,686	$36,785.00	$5.75
3	408	1,607.50	4.00
4	392	———	—
8	147	———	—
9	5,097	26,600.00	5.25
10	3,266	19,000.00	5.75
17	2,132	9,662.50	4.50
20	605	1,000.00	1.50
22	10,000	26,000.00	2.50
23	674	1,370.00	2.00
28	8	40.00	5.00
35	5,081	30,085.00	5.75
38	1,105	3,850.00	3.50
41	1,621	———	—
48	6,044	37,410.00	6.00
50	553	1,250.00	2.25
62	1,146	———	—
65	288	———	—
66	325	———	—
67	45	100.00	2.25
75	45	75.00	1.50
82	207	725.00	3.50
89	6,000	16,500.00	2.75
91	971	———	—
אוט־אָוו־טאַון (ניו דזשוירזי, קאָנעקטיקוט, לאָנג איילאַנד, וועסטשעסטער)	940	———	—

דזשאָינט באָארדס:

ניו יאָרק קל. (ניט פאַר־נאָכדערגע־פיילט)	———	4,055.00	—
באָסטאָן	1,721	2,000.00	1.25
שיקאַגאָ	1,799	5,500.00	3.00
קליוולאַנד	1,118	1,000.00	—
מאָנטרעאַל	1,617	2,500.00	1.50
פילאַדעלפיא	728	3,000.00	4.00
סט. לואיס	125	325.00	2.75
טאָראָנטאָ	1,937	3,500.00	1.75
אַנדערע שטעט אין לאַנד	———	525.00	—
	62,831	234,565.00	

צוזאַמענשטעלונג:

	מעמבערס	סומע
נ. י. קלאָוק דזש. ב.	26,759	$154,700.00
נ. י. דרעס דזש. ב.	18,647	55,200.00
פאַרשיידענע נ. י. לאָקאַלס	5,962	4,850.00
לאָקאַלס און דזשאָינטס באָארדס אויסער נ. י.	11,463	19,815.00
סך הכל	62,831	$234,565.00

אַ בליק אויף דער טאַבעלע וועט איבערציינען דעם לעזער, אַז טראָץ די זעהר אומגינסטיגע צייט האָבען אונזערע מיטגלידער גאַנץ גוט זיך פאַרהאַלטען צו דער יוניאָן מיט'ן צאָהלען דעם קאָנווענשאָן־טעקס, נעמליך מיט'ן איינצאָהלען די סומע פון 234,565 דאָלאַר דורך דעם ערשטען סעזאָן. די לאָקאַלען פון דער ניו יאָרקער קלאָוק דזשאָינט באָארד האָבען באַזונדערס זיך אויסגעצייכענט אין דער אַנגעלעגענהייט האָבענדיג איינגעצאָהלט די סומע פון 154,700 דאָלאַר.

דער דזשענעראַל אָפיס איז זיכער אַז די אָנשטרענגונגען איינצומאָנען דעם איבערגעבליבענעם טייל פון דעם טעקס (די קאָנווענשאָן האָט געפּלאַנעוועט אַז דער טעקס זאָל איינגעצאָהלט ווערען אין לויף פון צוויי סעזאָנען) וועט זיין פונקט אַזוי ערפאָלגרייך, און די אינטערנעשאָנאַל וועט האָבען אריינגענומען די פולע סומע איידער דער יאָהר איז פאַראיבער. מיר האָפען אַז די עקזעקוטיוועס און באַאַמטע פון לאָקאַלען און דזשאָינט באָארדס, הויפּטזעכליך אוט אָוו טאַון, וועלכע זיינען ניט נאָכגעקומען זייער קוואָטאַ דעם לעצטען סעזאָן, וועלען פאַרדאָפּלען זייערע אָנשטרענגונגען און זעהן אַז זייערע אָרגאַניזאַציעס זאָלען נאָכקומען זייערע פולע פאַרפליכטונגען צו דער אינטערנעשאָנאַל.

סטייטמענט פון איינגאַהמען
(פון 1טען יאַנואַר ביז 9טען מאַי 1931)

דיוס פער קאַפּיטאַ, צו 15ס.	$115,903.65
קאָנווענשאָן אַסעסמענטס	95,647.50
סופּלאַיס	1,056.48
ספּעשעל טעקס (10ס.)	2,249.30
איניציאיישאָן פי, $1.50 טעקס	3,307.50
אַדווערטייזינג	833.84
אינטערעסט, סייווינגס אַקאַונט	72.91

באשעפטיגט אין טרעיד. מען האט איהם אנגעגעבען פארשיידענע ציפער, מאנכע ביז 15 טויזענט, אבער זיין איינדרוק איז, אז דאס איז שטארק איבערטריבען. זיין אייגענע אפשאצונג איז צווישען 7 און 8 טויזענט.

ווייס־פרעזידענט נאגלער, דזשענעראל מענעדזשער פון קלאוקמאכער דזשאינט באארד אין ניו יארק, האט א סך צו באריכטען. פארנעמט דאך די קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק נאך אלץ דעם ערשטען און וויכטיגסטען פלאץ אין דער אינטערנעשאנאל.

ער דערצעהלט וועגען דער געדריקטער שטימונג וואס האט געהערשט ביי די קלאוק מאכער אין ניו יארק, ווען דער פריהלינגס סעזאן האט זיך אנגעפאנגען. עס האט אויסגעזעהן צו זיין זעהר שלעכט. אין מיטען פעברואר זיינען נאך ארומגעגאנגען פינף טויזענט קלאוקמאכער איינגאנצען אהן ארבייט. די יוניאן האט געטאן אלץ וואס מעגליך צו קריגען ארבייט פאר די ארבייטסלאזע. זי האט פארבאטען אווערטאיים, האט אפגעהאלטען קאנפערענצען מיט די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן און אז. וו. אבער ענדע פעברואר האט זיך אנגעפאנגען ווייזען מעהר ארבייט און דער סעזאן איז אין דורכשניט ארוויסגעקומען ניט אזוי שלעכט, ווי ער האט אנפאנגס אויסגעזעהן.

די סיטואציע אין ניו יארק איז אבער אין אלגעמיין א שווערע. מען דארף אנפירען א שטענדיגען קאמף אפצוהיטען די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער. סיכסוכים צווישען דער יוניאן און מאנופעקטשורערס קומען פאר אפטער. עס זעהט אויס, אז די מאנופעקטשורערס גרייטען זיך פאר א קאמף איינצופיהרען שטיק־ארבייט.

ער באריכטעט וועגען איינינע וויכטיגע קעיסעס וואס זיינען געבראכט געווארען פאר דעם אומפארטייאישען טשערמאן, מר. איננערסאל, און וועלכע זיינען אנטשידען געווארען צו גונסטען פון דער יוניאן. ער שטרייכט באזונדערס אונטער די אנטשיידונג וועגען ווידזשעס וואס איז איבער'ן מינימום, אז א מאנופעקטשורער טאר עס מיט זיין איינענעם ווילען ניט פארקלענערען.

ברודער נאגלער ווייזט אן מיט צופרידענהייט אויף דעם פאקט, וואס אין דעראיצטיגער שווערער צייט האט די קלאוקמאכער יוניאן ניט פארלארען קיין מיטגלידער און אז ווען די קלאוקמאכער האבען נאר א ביסעל ארבייט צאהלען זיי זייערע שולדען צו דער יוניאן.

ברודער מעץ, מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין באלטימאר, און א קאמיטע פון דער יוניאן פארלאנגען, אז די אינטערנעשאנאל זאל פארענדיגען דעם קאמף, וואס זי האט אנגעפאנגען אין באלטימאר און העלפען ארגאניזירען די איבערגעבליבענע ניט־יוניאן שעפער. ברודער מעץ באריכטעט דערביי, אז אין אלגעמיין איז דער סעזאן געווען ניט קיין שלעכטער און דער צושטאנד פון דער יוניאן האט זיך באדייטענד פארבעסערט. ער גלויבט, אז מיט א ביסעל אנשטרענגונג קענען אלע שעפער אין באלטימאר זיין ארגאניזירט, נאר אהן דער הילף פון דער אינטערנעשאנאל קען עס ניט געטאן ווערען.

ווייס פרעזידענט האכמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן אין ניו יארק, באקלאגט זיך אין זיין באריכט, אז דער סעזאן פאר די דרעסמאכער איז געווען א שלעכטער און ממילא איז דער פינאנציעלער צושטאנד פון דער יוניאן א געדריקטער. עס קומען פאר אפטע סכסוכים מיט דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן און זיי זיינען אפט שווער צו שליכטען צוליב דעם מענעדזשער פון דער אסאסיאיישאן.

די סיסטעם פון שטיק־ארבייט, ווי עס עקזיסטירט אין דרעס־טרעיד, איז זעהר שלעכט פאר די ארבייטער. מיטלען מוזען געשאפען ווערען אנצופאנגען א גרויסען ארגאניזאציאנס קאמפיין, ווייל א גאנץ באדייטענדער טייל פון טרעיד איז נאך ניט ארגאניזירט און דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און די באלעבאטים דארף קירצליך באנייט ווערען.

דער קאמוניסטישער סטרייק איז געווען א פאלשטענדיגער דורכפאל. די קאמוניסטען זיינען ניט געגאנגען ארגאניזירען די שעפער, וואס באלאנגען ניט צו דער יוניאן, נאר זיי האבען געוואלט פארכאפען יוניאן שעפער.

ווייס פרעזידענט ברעסלאוער גיט אפ א באריכט וועגען זיין ארבייט אין דער יוניאן אין קאליפארניא און אין די ארומיגע געגענדען. ער האט ניט קיין גוטען גרוס פון לאס אנדזשעלעס. דער סטרייק האט זיך צוליב פארשיידענע אורזאכען ניט איינגעגעבען, נאר די הויפט אורזאך לויט זיין מיינונג איז, וואס לאס אנדזשעלעס איז אין אלגעמיין ניט קיין צענטער פון קלאוקס. מען מאכט דארטען מייסטענס, וואס מען רופט „ספעשעלס", בעת די רעגולערע קלאוקס ווערט צום גרעסטען טייל געבראכט פון ניו יארק. אין גאנצען זיינען פאראן 350 קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס.

די דרעס אינדוסטריע איז אין לאס אנדזשעלעס א פיל מעכטיגערע און א פיל גרעסערע. עס זיינען פאראן ארום 9 טויזענד דרעסמאכער. איינינע שעפער זיינען גאנץ גרויסע. מאנכע באשעפטיגען איבער 200 ארבייטער. די מייסטע פון זיי זיינען מעקסיקאנער און אמעריקאנער מיידלאך. די ארבייטס־באדינגונגען זיינען שלעכטע און די פארדינסטען קליינע. ווען מען זאל אנפאנגען אן ארגאניזאציאנס־קאמף קען מען ערווארטען הילף פון מעקסיקאנער קאנסול אין לאס אנדזשעלעס, ווייל די מעקסיקאנער רעגירונג, אויסער וואס זי איז אין אלגעמיין ארבייטער פריינדליך וואלט זי וועלען הויבען דעם פרעסטיזש פון מעקסיקאנער ארבייטער אין אמעריקא.

סאן פראנציסקא פארמאגט ארום 400 קלאוקמאכער און האט א פיינע קלאוקמאכער יוניאן. צום באדויערען האבען די קלאוקמאכער דארטען דעם סעזאן געהאט וועניג ארבייט. דער קאמף מיט די קאמוניסטען איז דארטען א שארפער און צוליב דעם זיינען מעהרערע שעפער ניט ארגאניזירט.

אין פארטלאנד, ארעגאן, זיינען פאראן ארום 500 ארבייטער אין קלאוק און דרעס טרייד. כמעט אלע מיידלאך. עס זיינען פאראן גוטע שאנסען זיי צו ארגאניזירען.

ווייס־פרעזידענט האלפערין גיט א באריכט וועגען דעם צושטאנד פון לאקאל 41, העמסטיטשערס, טאקערס און פליטערס. ער האט קיין גוטע נייעס ניט צו דערצעהלען. די מיטגלידער פון לאקאל האבען קיין ארבייט ניט געהאט. זיי ארבייטען פאר דעם דרעס־טרעיד און ווען עס איז א שלעכטער סעזאן אין דרעס־טרעיד, איז עס ביי די העמסטיטשערס, טאקערס און פליטערס נאך ערגער.

דערפאר אבער קען ער ברענגען א בעסערען גרוס פון זיין ארבייט אין יוניטי הויז. עס זיינען געמאכט געווארען דארטען א סך פארבעסערונגען און די גאנצע יוניטי הויז האט באקומען אן אנדער אויסזעהן. אלע פארבעסערונגען זיינען געמאכט געווארען, אז די באזוכער זאלען צופרידען זיין.

ברודער שאר, ס. גרעקין און פעני ברענען פון די ווהייט־גודס וואירקערס יוניאן באריכטען, אז זיי גרייטען זיך צו א סטרייק אין דעם ווהאיט גודס טרעיד. שאר דערצעהלט, אז עס האט זיך איהם איינגעגעבען צו שליסען אן אפמאך מיט איינינע גרויסע מאנופעקטשורערס פון טרעיד און זייערע שעפער זיינען איצט אונטער דעם קאנטראל פון דער יוניאן. ער איז זיכער, אז דורך דעם סטרייק וואס וועט גערופען ווערען וועט דער גאנצער טרעיד ארגאניזירט ווערען. ער גיט דערביי א כאראקטעריסטיק פון דעם ווהאיט גודס טרעיד, אז ער איז מעהר איינגעשטעלט ווי די אנדערע און אז ער איז כמעט אין גאנצען קאנצענטרירט אין ניו יארק.

ברודער לאנגער און סעידי רייך פון טאראנטא, וואס האבען געהאלפען פיהרען דארטען דעם דרעסמאכער סטרייק, גיבען איבער א באגייסטערטען באריכט וועגען דעם סטרייק. די דרעסמאכער יוניאן האט איצט ארום טויזענד מיטגלידער און עס זיינען פאראן אלע האפנונגען, אז דער גאנצער טרעיד וועט קירצליך זיין ארגאניזירט. ברודער לאנגער דריקט אויס א דאנק אין דעם נאמען פון די סטרייקער דער אינטערנעשאנאל אין אלגעמיין און סעקרעטער־טרעזשורער דובינסקי באזונדערס פאר דער גרויסער הילף וואס זיי האבען געקראגען. דאס אנזעהן פון דער אינטערנעשאנאל איז אין טאראנטא זעהר פיל געוואקסען.

א קאמיטע פון די דרעסמאכער אין פילאדעלפיא דערצעהלט וועגען דער שלעכטער לאגע אין דרעס־טרעיד און פארלאנגט, אז די אינטערנעשאנאל זאל העלפען ארגאניזירען די דרעסמאכער.

א קאמיטע פון קלאוק פרעסערס לאקאל 71 אין פילאדעלפיא פארלאנגט, אז אויך

לאנד איז צופרידען צו באריכטען, אז אין זיין שטאדט האבען סאי די קלאוק מאכער, סאי די דרעס מאכער געהאט א פארהעלטניסמעסיג גוטען סעזאן. דער ארבייטסלאזען פאנד פונקציאנירט גוט און עס איז דעם יאהר אויך איינגעפיהרט געווארען פאר די ארבייטער פון די קאנטראקטינג שעפער. פאר דעם ארבייטסלאזען פאנד צאלען בלויז די מאנופעקטשורערס.

אין דזשולאי גרייט זיך די יוניאן פאר אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין צו ארגאניזירען די עטליכע ניט־יוניאן שעפער, וואס זיינען נאך פאראן אין שטאדט און ער האפט, אז דער קאמפיין וועט זיך קרוינען מיט אן ערפאלג.

ווייס־פרעזידענט ביאלים פון שיקאגא דערצעהלט אין זיין באריכט, אז אנגעפאנגען האט זיך דער פרילינג סעזאן זעהר שלעכט אבער ער האט זיך שפעטער גאנץ באדייטענד פארבעסערט. די אפערייטארס זיינען געווען אלע באשעפטיגט, אבער מעהרערע פינישערס האבען א טייל פון סעזאן ניט געהאט קיין ארבייט. ערשט שפעטער האבען אויך אלע פינישערס געהאט ארבייט. ער באמערקט, אז אין שיקאגא זיינען איצט פאראן א סך מעהר פינישערס, ווי אפערייטארס. די פינאנציעלע לאגע פון דער יוניאן האט זיך באדייטענד פארבעסערט. די מיטגלידער האבען אפגעצאלט א גרויסען טייל פון דעם 10־דאלער שטייער פון דער קליוולענדער קאנווענשאן. די יוניאן האט זיך גאנץ אקטיוו באטייליגט אין דעם קאמף פאר אן ארבייטסלאזען פארזיכערונגס געזעץ.

ברודער ביאלים שטעלט זיך גאנץ באזונדערס אפ אין זיין באריכט אויף דער שלעכטער לאגע פון די דרעס מאכער אין שיקאגא און ער פארלאנגט דורכאוים, אז די אינטערנעשאנעל זאל וואס גיכער אנפאנגען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין צווישען די דרעס מאכער אין שיקאגא. ער גלויבט, אז זייער צאל איז ארום 8 טויזענד.

די דרעס מאכער פון שיקאגא האבען געשיקט א ספעציעלע קאמיטע צו דער דזשענעראל עקזעקוטיווע אין דער פערזאן פון שוועסטער אייזענשטאדט. זי האט אין איהר רעדע, וואס האט געמאכט א שטארקען איינדרוק איבערגעגעבען די טרויעריגע לאגע פון די דרעס מאכער אין שיקאגא און האט אפעלירט, אז אן ארגאניזאציאנס קאמפיין זאל וואס גיכער אנגעפאנגען ווערען פון דער אינטערנעשאנעל.

ווייס־פרעזידענט רייזבערג פון פילאדעלפיע האט געהאט צוויי באריכטען — איינעם פון פילאדעלפיע און דעם צווייטען פון טאראנטא.

די קלאוק מאכער אין פילאדעלפיע האבען דעם סעזאן ניט געהאט פיל אויף וואס זיך צו קלאגען. עס איז געווען ארבייט און מען האט ניט שלעכט פארדינט. אבער אין דרעס טרעיד איז געווען גאר ניט גוט. עס איז געווען ווייניג ארבייט און דערצו נאך שלעכט־באצאלטע ארבייט.

דער סטרייק וואס די קאמוניסטען האבען גערופען איז געווען א גרויסער דורכפאל. די ארבייטער טרויען ניט די קאמוניסטען. די דרעס מאכער ווארטען אויף אן ארגאניזאציאנס קאמפיין פון דער אינטערנעשאנעל צו וועלכער זיי האבען צוטרוי. ער פארלאנגט מאקע אויך דערביי, אז די אינטערנעשאנעל זאל זיך וואס גיכער נעמען צו דער ארבייט צו ארגאניזירען די גרויסע צאל ניט ארגאניזירטע דרעס מאכער אין פילאדעלפיע.

ברודער רייזבערג דערצעהלט מיט באגייסטערונג וועגען דעם סטרייק אין טאראנטא, וועלכען ער האט אויף דעם אויפטראג פון דער אינטערנעשאנעל געהאלפען פיהרען. עס איז געווען א וואונדערבארער סטרייק און ער איז זיכער אז אין טאראנטא וועט איצט זיין א גרויסע, שטארקע דרעסמאכער יוניאן.

ווייס־פרעזידענט פיינבערג פון מאנטרעאל גיט איבער אין זיין באריכט, אז די קלאוקמאכער יוניאן אין מאנטרעאל געפינט זיך איצט אין זעהר א גוטען צושטאנד. דער גאנצער קלאוק טרעיד אין מאנטרעאל איז ארגאניזירט. אלע ארבייטער פון דעם טרעיד באלאנגען צו דער יוניאן, און 80 פראצענט פון זיי זיינען גוט־שטעהענד. דער פריהלינג סעזאן איז געווען א גוטער. מען האט הויפטזעכליך געמאכט סוטס. די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער ווערען אפגעהיט און די סיכסוכים מיט די באלעבאטים ווערען מערסטענס געשליכטעט אויף א צופרידענשטעלענדען אופן דורך דעם אונפארטייאישען טשערמאן ראבאי סטוירן, וועלכער געניסט די אכטונג און דעם צוטרויען פון ביידע צדדים. די יוניאן גרייט זיך צו דער באנייאונג פון דעם אגרימענט מיט די באלעבאטים וואס דארף פארקומען אין יאנואר.

עס זיינען אויך גוט ארגאניזירט די רעינקאוט־מאכער און זיי האבען לעצטענס געמאכט א קאלעקטיווען אגרימענט מיט די באלעבאטים.

די דרעסמאכער אין מאנטרעאל זיינען אין גאנצען ניט ארגאניזירט. זייער צאל איז ארום 8 טויזענט, די מייסטע פון זיי פראנצויזישע מיידלאך. ווערען זעהר שלעכט באצאלט — פון 4 ביז 12 דאלאר א וואך.

די מאנטרעאלער קלאוקמאכער יוניאן האט געהאט א קאנפערענץ מיט דער טאראנטאער קלאוקמאכער יוניאן וועגען געמיינשאפטליכער טעטיגקייט, ווי שאפען א געמיינשאפטליכען סטרייק פאנד, וועגען ארגאניזירען די דרעסמאכער אין מאנטרעאל און אז. וו.

ווייס־פרעזידענט קוירזנער פון טאראנטא שטעלט זיך אפ אין זיין באריכט אויספירליכער וועגען דער שותפות'דיגער קאנפערענץ צווישען מאנטרעאל און טאראנטא. ער דענקט, אז עס איז זעהר וויכטיג, אז מאנטרעאל און טאראנטא וועלכע זיינען די צוויי וויכטיגסטע צענטרען פון דער אינטערנעשאנאל אין קאנאדע זאלען ארבייטען צוזאמען. אויף דער קאנפערענץ האט מען אויך פארהאנדעלט די פראגע וועגען ארגאניזירען די קלאוקמאכער אין וויניפעג.

די קלאוקמאכער אין טאראנטא האבען אין אלגעמיין ניט געהאט קיין גוטען סעזאן. אין טאראנטא ווערט געמאכט א בעסערער גראד קלאוקס, סוטס זעהר ווייניג, און עס זעהט אויס, אז אויף בעסערע קלאוקס איז די נאכפראגע איצט א סך קלענער.

די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן געפינט זיך ניט אין קיין געהויבענעם צושטאנד. די מייסטע פון איהרע מיטגלידער האבען איהר פארלאזען, אבער אויף דער יוניאן האט עס קיין ווירקונג ניט געהאט, ווייל כמעט „אלע ארבייטער אין די טאראנטאער קלאוק שעפער באלאנגען צו דער יוניאן און דער גאנצער קלאוק טרעיד שטעהט אונטער דער קאנטראל פון דער יוניאן.

די קלאוקמאכער האבען פיל געהאלפען די דרעסמאכער אין זייער סטרייק. ער דערצעהלט דערביי וואס פאר א וואונדערליכען קאמף די דרעסמאכער האבען געקעמפט און ווי גרויס עס איז געוואקסען דער פרעסטיזש פון דער אינטערנעשאנאל.

ווייס־פרעזידענט וואנדער וואס האט אונטער זיין אויפזיכט די אזוי גערופענע אוט אוו טאון שעפער, באריכטעט וועגען פארשידענע סטרייקס, וועלכע זיינען דורכגעפיהרט געווארען און געוואונען געווארען פון דער יוניאן. ער שטעלט זיך אפ אויף די שוועריגקייטען פון דער ארגאניזאציאנס־ארבייט אין די אוט אוו טאון שעפער. עס ווערט דארטען געוועהנליך געמאכט א ביליגע סארט ארבייט און עס ארבייטען אין זיי יונגע מיידלעך פון שול־עלטער. אבער דער שטענדיגער קאמף געגען אט די שעפער האט דאך געהאט דעם רעזולטאט, אז זיי פארמערען זיך ניט. די צאהל פון קלאוק שעפער איז אין דער ווירקליכקייט באדייטענד פארקלענערט געווארען. ער שאצט, אז אין אלע אוט־אוו־טאון קלאוק שעפער געפינען זיך ניט מעהר ווי 15 הונדערט ארבייטער. פיל גרעסער אבער איז די צאל פון די דרעסמאכער. ער רעכענט צווישען 6 און 7 טויזענט. דער קאמף צו ארגאניזירען אט די דרעסמאכער איז פארבונדען מיט גרויסע קאסטען, אבער די אינטערנעשאנאל איז איצט ניט אימשטאנד צו דעקען די גרויסע קאסטען וועלכע פאדערען זיך.

ברודער וואנדער באריכטעט אויך וועגען זיין אונטערזוכונג אין דעם ניט־גודס טרעיד. דער טרעיד, וועלכער איז צום גרעסטען טייל קאנצענטרירט אין ברוקלין, באשעפטיגט מייסטענס איטאליענערקעס. עס זיינען אויך פאראן מעהרערע שעפער אוט־אוו־טאון. מאנכע ניט־גודס שעפער זיינען גאנץ גרויסע און באשעפטיגען איבער 150 ארבייטער. דער ארבייטס־סעזאן איז א לאנגער, נאהענט צו 40 וואכען א יאהר. די ארבייטס־באדינגונגען זיינען שלעכטע. עס איז אבער פארלויפיג איהם ניט געלונגען פעסטצושטעלען וויפיל ארבייטער עס זיינען

אין אונזערע יוניאנס

באריכטען און צושריפטען וועגען טהעטיגקייטען און געשעהענישען אין אונזערע לאקאלען און דזשאינט באארדס.

דער קלאוק דזשאינט באארד פאר'ן לעצטען מאנאט

פון מ. י. אשפיז סעקרעטאר דזשאינט באארד

דער ספרינג סעזאן ענדיגט זיך יעדען יאהר גלייך מיט פסח. פאר דער יוניאן פאנגט זיך דאן אן „ספירה" — מיר הויבען אן אריינקריגען באריכטען וועגען דער צאהל ריארגאניזיישאנס וואס ווערען געמאכט אזוי שנעל ווי זומער־לעב באווייזט זיך.

יעדער באס וואס מאכט א ריארגאניזיישאן האט דערביי זיין חשבון: איינער נעהמט „ארויס אין גאנצען" פון ביזנעס; זיין כונה איז — פטור צו ווערען פון די ארבייטער, דאן ווייטער, אונטער א פארשטעלטען נאמען, ווידער נעמען מאנופעקטשורען קלאוקס. אנדערע ווידער, מעלדען זייערע ארבייטער, אז זיי ווערען „דזשאבערס" עס פאסירט אויך אז א באס פארגלוסט זיך „אומבייטען זיין סיסטעם". כמעט אין אלע פעלע מיינט עס: אומבייטען דעם סעט.

די פארשידענע דעפארטמענטס פון דער יוניאן האבען דאריבער פאר זיך א פראבלעם ווי אזוי מאכט מען צונישט די באלעבאטישע בייזע כונות.

אין די באריכטען פון די ברידער לעפקאוויטש, מענעדזשער פון דזשאבערס דעפארטמענט און בר. מאזער, מענעדזשער פון אינדאסטריעל קאונסיל באקלאגען זיי זיך ביידע: איינער דערפאר וואס צו זיין דיסטריקט קומט צו, און דער צווייטער, ווייל פון זיין דיסטריקט קומט אפ.

* * *

הגם די אויבענדערמאנטע ערשיינונג קומט פאר יעדען יאהר, ווייל ס'איז דאך אוממעגלאך אז אלע בעלי בתים זאלען, אהן אויסנאמעס, טאן גלענצענדע געשעפטען, מוזען דאך צום סוף סיזאן א געוויסער פראצענט בעלי בתים ארויספאלען, דאך נוצען אוים די פארשטעהער פון די בעלי־בתים די פאסירונגען פון סוף פון היינטיגען סיזאן פאר א שטארקע פראפאגאנדע נעגען דער יוניאן. ווי נאר עס ווערט געמאלדען אז א באלעבאס נעהמט ווערען א דזשאבער, אזוי געהען גלייך ארוים די פארטרעטער פון די בעלי בתים מיט סטייטמענטס אין דער פרעסע, אז דאס איז דער פאר ווייל דער מאנופעקטשורער נעבאך, האט ניט געקאנט נאכקומען די פולע, די שווערע, יוניאן קאנדישאנס וואס דער באס האט געמוזט אפהיטען פולע הונדערט פראצענט... עס מאכט ניט אוים וואס ביי א שאפ מיטינג וואס ווערט פון דער יוניאן געהאלטען ווערט נאר אויסגעפונען (די ארבייטער ניט האבענדיג וואס צו פארלירען, זאגען דעמאלט אלעס אוים) אז דער שאפ איז געווען גאנץ ווייט פון א גוטען יוניאן שאפ, אז דער באלעבאס האט אונטערגעזינדיגט ביים צאהלען פאר ימים טובים, פאר אווערטיים א. אז. וו. אבער ביז וואנע די יוניאן איז אומשטאנדע אויסצוגעפינען די אלע פאקטען נעמט צייט, און די בעלי בתים זוכען דערוויל צו מאכען אן איינדרוק אויף דער עפענטליכער מיינונג און אנפירען פראפאגאנדע וואס קען האבען א שעדלאכע ווירקונג פאר דער צוקונפט.

בר. לעפקאוויטשעס באריכט ענטהאלט פאקטען פון דזשאבערס וואס זיינען, דורך דעם אקאונטענט, נעכאפט געווארען ארויסשיקענדיג ארבייט צו ניט יוניאן שעפער. די שטראף וואס ווערט אויף אזעלכע דזשאבערס ארויפגעלעגט, איז אפט, פון דער יוניאנס שטאנדפונקט, ניט גענוגענד. און מיר נעמען אזעלכע קייסעס דאן אויף מיט'ן אימפארשיעל טשערמאן, פארלאנגענדיג א גרעסערע שטראף — לויט די גרוים פון פארברעכען.

די דערמאנטע מענעדזשערס האבען אויך אפגעגעבען פעריאדישע באריכטען געבענדיג א סך הכל פון זייער ארבייט פאר'ן גאנצען ספרינג סיזאן. בר. מאזער האט דערצו נאך צוגעשטעלט א צווייטען באריכט — א סך הכל פון דיום קאנטראל צוזאמען מיט די צאהל ארבייטער פון זיין דיסטריקט, צוטיילט לויט לאקאלס און פאכען.

פעריאדישע באריכטען האבען אויך אפגעגעבען די ברידער סלוצקי און ראזענבלאט מענעדזשערס פון די צוויי „אמעריקאן און אינדעפענדענט" דעפארטמענטס. עס טוט אונז לייד, וואס די באריכטען, לאנג און אויספירליך, קענען ניט איבערגעגעבען ווערען אין דעם באשרענקטען פלאץ וואס אונז איז ערלויבט צו פארנעמען אין אונזער מאנאטליכען זשורנאל.

אין זיין באריכט פון ברוקלין, האט בר. קאפלאן פארלאנגט א ספעציעלע ארגאניזירשאן קאמיטע אפצושטעלען די ניט יוניאן שעפער אין ברוקלין. לויט זיין מיינונג קען אזא קאמיטע אין ברוקלין אויפטאן א סך גוטע ארבייט אפילו אין סלעק־טיים. עס איז באשלאסען געווארען צו האבען וועגען דער פראגע א ספעציעלען קאנפערענץ מיט די לאקאלע מענעדזשערס צו באטראכטען די ראטזאמקייט אזוי גוט ווי די פינאנציעלע אויסגאבען וואס זיינען מיט אזא קאמפיין פארבונדען.

מיר ווילען בלויז זאגען א פאר ווערטער וועגען דער טענה פון לאקאל 1 הלמאי זייערער א צושריפט איז ניט אריין אין די אפיציעלע דזשאינט באארד פראטאקאלען.

דער דזשאינט באארד הערענדיג פארלעזען דעם דערמאנטען צושריפט, האט געפונען אז די צוויי טיילען פון וועלכע דער צושריפט באשטייט, האט איין טייל ניט קיין שייכות מיט'ן דזשאינט באארד; מיר קענען ניט אויפנעמען קיין יוריסדיקשאן פראגען וואס האבען צו טאן בלויז מיט דער אינטערנעשאנאל. דער אנדערער טייל האט ענטהאלטען סטייטמענטס, וואס טראגט דעם כאראקטער פון ערנסטע קלאגען פון לאקאל 1 נעגען לאקאל 17. קלאגען טארען ניט פארעפענטליכט ווערען ביז זיי ווערען ניט אונטערזוכט. אבער די פארטרעטער פון לאקאל 1, האבען אויסדריקליך נעזאגט, אז דיזע באשולדיגונגען מאכען זיי ניט אין דער פארמע פון קלאגען וועלכע דארפען ווערען אונטערזוכט.

דער דזשאינט באארד האט געפונען, אז א לאקאל האט א רעכט אפיציעל צו ברייננען קלאגען און פארלאנגען אן אונטערזוכונג; צו פארלאנגען אבער אז אנשטאט אונטערזוכען, זאלען די קלאגען פארעפענטליכט ווערען, (אהן אן אונטערזוכונג) אזא זאך האט קיין לאקאל ניט קיין רעכט צו פאדערען און דער דזשאינט באארד ווידער, האט קיין רעכט אזא זאך צו באוויליגען.

די באריכטען פון בר. נאגלער נענעראל מענעדזשער פאר'ן מאנאט, ענטהאלט די ענטשיידונג פון אומפארטייאישען טשערמאן אין דעם אפיל וואס ער האט געמאכט נעגען א פירמע וואס האט אנגעשטעלט 5 אפרייטארס אונטערן סקייל. די פראגע איז געבראכט געווארען צום אומפארטייאישען טשערמאן אלס טעסט קיים און בר. נאגלער האט ארגומענטירט פאר דער יוניאנ'ס שטאנדפונקט. די ענטשיידונג איז געווען, אז די באטרעפענדע אפרייטארס מוזען באקומען דעם סקייל!

א חוץ דעם, האט זיין באריכט ענטהאלטען א ווארנונג צו די קלאוקמאכער, וועלכע ער האט פארעפענטליכט אין דער פרעסע, אז מען זאל מעלדען דער יוניאן, זאפארט, ווי א באלעבאס פארפעלט צו באצאהלען שכירות צו די ארבייטער, עס איז כאראקטעריסטיש ווי בר. נאגלער פון זיין זייט האלט כסדר אין אויפמערקזאם מאכען די ארבייטער וועגען דעם און די ארבייטער האלטען כסדר אין איין פארגעסען און קומען שפעטער אין דער יוניאן זיך באקלאגען, אז זיי האבען פארלארען איינינע וואכען שכירות. אבוואהל דער יוניאן איז אומעדום געלונגען אויפצומאנען כמעט די פולע שכירות פאר זי' ארבייטער איז אבער דאך א גרויסע ריזיקע צו האנדלען אזוי נאכלעסיג ווי מאנכע ארבייטער טוען, ווען עס האנדעלט זיך וועגען זייערע שכירות.

די דרעס פּרעסערס זאָלען באַלאַנגען צו לאָקאַל 71.

אַ קאָמיטע פון די קלאָוקמאַכער אין פילאַדעלפיא פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל אַי־בערגעבען דער פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער יוניאָן די קאָנטראָל איבער די קלאָוק־שעפּער אין קעמדען (אין קעמדען אַרבייטען קאָנטראַקטאָרס פאַר ניו יאָרקער מאַנופעק־טשורערס).

ברודער גרינבערג, וואָס האָט איצט די אויפזיכט איבער לאָקאַל 38, האָט אָפּגע־געבען אַ באַריכט וועגען דעם איצטיגען צושטאַנד פון לאָקאַל. עס איז זיין מיינונג, אַז דער לאָקאַל דאַרף האָבען אַ שטענדיגען אָנגעשטעלטען. די מיטגלידער וועלען אויפ־האַלטען די יוניאָן, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זייער לאַגע איז אַזאַ שווערע. דער הויפּט טראָבעל פון די לײדיס טעילאָרס איז, וואָס אין דעם איצטיגען קריזיס איז די פאָדערונג אויף טייערע קליידער באַדייטענד פאַרקלענערט געוואָרען.

זעהר אינטערעסאַנט איז געווען דער באַ־ריכט פון סעקרעטערי טרעזשורער ד. דו־בינסקי. געבענדיג אַן אַלגעמיינעם איבער־זיכט וועגען דעם צושטאַנד פון דער אינ־טערנעשאָנאַל, שטעלט ער זיך אָבער באַזונ־דערס אָפּ אויף דער פינאַנציעלע לאַגע פון דער אינטערנעשאָנאַל. ער ווייזט אָן, אַז נים נאָר האָט די אינטערנעשאָנאַל געדעקט איהרע לויפענדע אויסגאַבען, נאָר זי האָט אויך אָפּגעצאָהלט אַ סך פון איהרע דרינ־גענדע חובות. פון דער קליוולענדער קאָנ־ווענשאָן אָן האָט די אינטערנעשאָנאַל אָפּ־געצאָהלט 417 טויזענד דאָלאַר חובות. פאַר די לעצטע דריי חדשים אַליין האָט די אינ־טערנעשאָנאַל אריינגענומען אַרום 116 טוי־זענד דאָלאַר אין דיוס און 96 טויזענד דאָלאַר אויף דעם ספּעציעלען שטייער. צו־זאַמען, אַרום 244 טויזענד דאָלאַר. אין גאַנצען האָט די אינטערנעשאָנאַל ביז איצט פון דעם ספּעציעלען שטייער אריינגענומען 235 טויזענד דאָלאַר. פון דעם האָט ניו יאָרק אַליין אריינגעבראַכט אַרום 209 טויזענד דאָלאַר.

ברודער דובינסקי ווייזט אָן אין זיין באַ־ריכט, אַז מאַנכע פון די לאָקאַלס געברוי־כען פאַרשיידענע אויסוועגען ניט אָפּצוצאָה־לען די אינטערנעשאָנאַל וואָס איהר קומט פון זיי.

אין פאַרלויף פון זיין באַריכט האָט ער אויפגעהויבען די פראַגע וועגען די קלובען, וואָס האָבען זיך אַזוי פאַרשפּרייט אין דער יוניאָן און וואָס ברענגען לויט זיין מיי־נונג זעהר פיל שאָדען. די פראַגע האָט שפּעטער אַרויסגערופען אַ לעבעדיגע דיס־קוסיע און אינטערעסאַנטע מיינונגען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען געגען די קלובען און פאַר זיי.

אַ רעכט ביסעל צייט האָט פאַרנומען דער שטרייט צווישען לאָקאַל 1 און לאָקאַל 17. פון ביידע זייטען זיינען געווען פאַר־טרעטען גרויסע קאָמיטעס. עס האָבען גע־רעדט פון לאָקאַל 1: ליוויי, מענעדזשער פון לאָקאַל, צוקערמאַן, טשערמאַן פון לאָ־קאַל, און מאַזער און קאַפּלאַן, ביזנעס איי־דזשענטס פון לאָקאַל. פון דער אַנדערער זייט, עס הייסט פון לאָקאַל 17, האָבען גערעדט העלער, מענעדזשער פון לאָקאַל; בעלסאַן, שניידער, אַרשאַוויטש און מאַ־נעווסקי.

די דיסקוסיע איז צייטענווייז געווען גאַנץ וואַרים, אָבער זי איז די גאַנצע צייט געפיהרט געוואָרען אין אַ ווירדיגען טאָן און פּרעזידענט שלעזינגער האָט שפּעטער אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט, וואָס דער שטרייט איז פאַר דעם דזשענעראַל עקזע־קוטיוו באָארד פאַרגעבראַכט געוואָרען אין אַזאַ ווירדיגען טאָן און אויף אַזאַ יוניאָן־מעסיגען אופן.

באַשלוסען פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד

אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין פאַר שיקאַגאָער דרעסמאַכער. איבערגעגעבען צו די גענעראַל בעאַמטע אָנצופאַנגען אַזאַ קאַמפּיין ביי דער ערשטער גינסטיגער געלעגענהייט: אויסי־צער פון דזשענעראַל אָפיס זאָל באַזוכען שיקאַגאָ.

פילאַדעלפיער דרעסמאַכער, איבערגע־געבען צום דזשענעראַל אָפיס גלייך אונטערצוזו־כען די לאַגע מיט דער אַבזיכט באַלד אָנצופאַנגען אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין צווישען די פילא־דעלפיער דרעסמאַכער.

פאַרלאַנג פון לאָקאַל 71 צו מאַכען איין לאָקאַל פאַר אַלע פּרעסערס פון פילאַדעלפיע. באַשלאָסען צו באַוויליגען דעם פאַרלאַנג אַזוי שנעל ווי דער דרעס־קאַמפּיין וועט זיך דאָרט אָנהויבען.

סכסוך צווישען לאָקאַלען 1 און 17 פּרעזידענט שלעזינגער באַשטימט אַ קאָמיטע באַ־שטעהענד פון וויס־פּרעזידענטען קרעינדלער און אַמדור וועלכע זאָלען צוזאַמען מיט'ן פּרעזידענט אַלס טשערמאַן פון דער קאָמיטע אונטערזוכען און אָפּשטעלען די איבערטרעטונגען וועגען וועל־כע עס זיינען אריינגעקומען די קלאַגען.

וועגען באָסטאָנער פּרעסער קלוב באַ־שלאָסען געגען אַלע קלובען אין באָסטאָן און איבערגעגעבען די אַנגעלעגענהייט צום דזשענע־ראַל אָפיס.

קאַמפּיין אין דרעס טרייד אין באָסטאָן איבערגעגעבען צום דזשענעראַל אָפיס.

אוט אָוו טאַון דעפּאַרטמענט איבערגע־געבען צום דזשענעראַל אָפיס מיט אינסטראַק־שאָנס אריינצוברינגען רעקאָמענדאַציעס וועגען פּאָליסי און אַ פּלאַן פאַר אַרבייט צום נעקסטען מיטינג פון דער „באָארד".

וועגען ספּאָרטוועאַר און שטריקער אַר־בייטער. ספּאָרטוועאַר אַרבייטער זאָלען אָרגאַני־זירט ווערען אונטער די דזשאָינט באָארד פון קלאָוקס און דרעסעס. פראַגע וועגען שטריקער אָפּגעלייגט פאַר קומענדען מיטינג.

באַלטימאָר פאַרלאַנגט פינאַנציעלע שטיצע פאַר אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט. איבערגעוויזען צום דזשענעראַל אָפיס.

לאָס אַנדזשעלעס דרעסמאַכער און סאַן פראַנציסקאָ קלאָוקמאַכער, פינאַנציעלע שטי־צע פאַר אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט, איבערגעוויזען צום אָפיס.

וועגען קלובס און גרופּען אין דער יוניאָן. פּרעזידענט שלעזינגער צוזאַמען מיט די גענעראַל בעאַמטע זאָלען באַשטימען אַ קאָמיטע וועלכע זאָל אַריינברענגען אַ באַריכט און רעקאָ־מענדאַציעס.

פאַרלאַנג פון לאָקאַל 88 פאַר אַ סופּער־וויזער וועלכער זאָל אָפּגעבען זיין גאַנצע צייט פאַר'ן לאָקאַל, איבערגעגעבען צום אָפיס.

ווהייט גודס מאַכער לאָקאַל 62, פאַר־לאַנגט צו אינדאָרסירען אַ גענעראַל־סטרייק פאַר קומענדען סעזאָן און פינאַנציעלע שטיצע. סטרייק אינדאָרסירט, פראַגע פון שטיצע איבער־געוויזען צום אָפיס.

וועגען דעם איינטריטס טעקס. אָנפאַנ־גענדיג פון ערשטען יוני, דאַרף איינגעמאָנט ווערען דער $1.50 טעקס פון נייע אָדער רי־אינסטייטעטע מיטגלידער, ווען מען גיט איהם אַרויס די מיטגלידס־קאַרטע. לאָקאַלען מוזען באַנוצען דעם אינטערנעשאָנאַל בלאַנק ווען דער אַפּליקאַנט מאַכט די ערשטע איינצאָהלונג.

קאָנווענשאָן אַסעסמענט. לאָקאַל מע־נעדזשערס דאַרפען אָנגעזאָגט ווערען צו האַלטען זיך ביי דער אָריגינעלער אַנטשיידונג, וועלכע פאָדערען איינצוצאָהלען דעם 10 דאָלאַר טעקס.

באַנדס. די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד באַפּולמעכטיגט די ניו יאָרקער „באָארד" און די גענעראַל בעאַמטע, אויסצואַרבייטען און דורכ־פיהרען אַ פּלאַן וועגען צוריקצאָהלען די געלט ווען דער טערמין פון די באָנדס וועט קומען.

וועגען דעם אַגרימענט אין ניו יאָרקער דרעס טרייד די דזשענעראַל בעאַמטע זאָלען זיך צוגרייטען פאַר באַנייען דעם אַגרימענט.

אונטערזוכונג וועגען ענטעמבעל סוטס אין דרעס שעפּער. גענעראַל בעאַמטע און דרעסמאַכער דזשאָינט באָארד זאָלען ווייטער אָנ־געהן מיט דער אונטערזוכונג ווי עס איז באַ־שלאָסען געוואָרען ביים דריטען פערטעל יעהר־ליכען מיטינג.

ערשטער וויס־פּרעזידענט נינפאָ. די „באָארד" באַדאַנקט איהם פאַר העלפען אין דער אַרבייט אין דזשענעראַל אָפיס דורך דער צייט פון פּרעז. שלעזינגער'ס אַבוועזענהייט.

הסתדרות (די אידישע יוניאָנס פון פּאַ־לעסטינע) אויף זייער אַפּיעל פאַר שטיצע באַווי־ליגט 500 דאָלאַר.

„פאָלקס געצייג קאַמפּיין", באַשלאָסען צו שטיצען מיט 500 דאָלאַר.

האַיאַס פאַרלאַנגט פינאַנציעלע שטיצע. פאַר־שפּראָכען 250 דאָלאַר.

עקס־פּיישאַנס טובערקולאַר האָום, דענוועער. די באָארד באַוויליגט 100 דאָלאַר אַלס שטיצע פאַר דער אינסטיטוציע.

אַ דאַנק פון ברודער הימעלפאַרב

אין נאָמען פון דער וואַרשעווער אָפּ־טיילונג פון פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין פון באַקליידונג־אינדוסטריע אַרבייטער אין פּוי־לען, דאַנקען מיר הארציג אַלע חברים און פריינד וועלכע האָבען זיך באַטייליגט און באַטייליגען זיך אין דער זאַמעל־אַקציע לטובת אונזער אָרגאַניזאַציע וועלכע געפינט זיך אין אַן אויסערסט שווערען פינאַנציע־לען מצב. די וואַרשעווער באַקלייד־אַר־בייטער, דערצוינגען אין נייסט פון קלאַסען סאָלידאַריטעט ווייסען אָפּצושאַצען די גרוי־סע ברידערליכע טאַט, וועלכע איהר חברים ווייזט אונז אַרויס אין אַזאַ שווערען מאָ־מענט. באַזונדערס הארציג דאַנקען מיר דעם חבר דוד דובינסקי, איניציאַטאָר פון דער זאַמלונג, וועלכער האָט אויף אַזאַ ריהרענדען אופן אַרויסגעוויזען זיין ברו־דערליכע באַציהונג צו אונז און אונזער אַרבייט. גענאָסע דובינסקי נעמט דעם דאַ־זיגען דאַנק אָן ווי אַן אויסדרוק פון חבר'־שער אָנערקענונג פאַר אייך און אייער אַר־בייט לטובת די פיל טויזענטער שניידער אַרבייטער.

ביי דער געלעגענהייט דאַנקען מיר אויך גענאָסע בנימין שלעזינגער, אונזער אַלטען פריינט און ברודער, און ווינשען איהם געזונט.

פאַר די וואַרשעווער באַקלייד.אַרבייטער

ש. ה. הימעלפאַרב, סעקרעטאַר.

מ. ראָזענבוים, פאָרזיצער.

אין שיקאַגאָ'ר דרעס טרייד

פון מאָרים ביאַלים ווייס־פּרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

די ברענענדסטע פראַגע אויף אונזער טאָגעס אָרדנונג איז איצטער די טרויעריגע לאַגע וואָס עקזיסטירט אין דרעס טרייד.

דיזע פראַגע ווערט ניט נאָר דיסקוטירט ביי די דרעסמאַכער אליין, נאָר אויך די היגע קלאָוק לאָקאלען און דזשאָינט באָארד גיבען אָוועק א סך צייט בעטראַכטענדיג פּלענער ווי צו ראַטעווען די אַרבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דרעס טרייד און אַרבייטען איינפאַך אונטער אוממענשליכע באַדינגונגען.

די לאַגע אין טרייד איז קיין מאָל ניט געוועזען אין אַזאַ כאַאָטישען צושטאַנד ווי זי געפינט זיך איצטער. דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס הערשט אין לאַנד די לעצטע עטליכע יאָהר האָט אָן קיין שום צווייפעל אַזוי צעוווילדעוועט די דרעס־מאַנופעקטשור אַז זיי האָבען איינפאַך פאַרלאָרען די קעפּ. יעדער איינער פון זיי וויל איבערשטייגען דעם צווייטען אין אַרויסברייגנען אין מאַרקעט אַ וואָס בילינערע דרעס, און אַזוי ווי אַלע אַנדערע עלעמענטען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט מאַכען דרעסעס ווי מאַטעריאַל, עלעקטריציטעט און רענט האָבען מעהר אָדער ווייניגער אַ באַשטימטען פּרייז, דעריבער בלייבט פאַר די באַלעבאַטים איין פּרייער אָרט, וואו זיי קענען אומגעשטערט שניידען די קאָסטען. און דאָס איז די קאָסטען פון פּראָדוקציע, ווייל איין מאַנופעקטשורער אַרויס־ברייגנען אַ ביליגערע דרעס ווי דער צווייטער אַזוי שנייט ער באַלד דעם פּרייז פון אַרבייט נעלד, און נאַטירליך אַזוי שנעל ווי דער צווייטער מאַנופעקטשורער דערוויסט זיך וועגען דעם, שטייגט ער נאָך איבער דעם ערשטען, און אַזוי געהט דאָס אָן אָהן אַן ענד. און ווען פון די פּרייזען בלייבט שוין ניט מעהר וואָס צו שניידען הויבט זיך אָן אַ מעשה מיט פאַרלענגערען די אַרבייטס שטונדען. אַט די אָרדנונג האָט געפיהרט צו אַ צושטאַנד פון אַ האַלז שניידענדע קאָנקורענץ און אומפאַראַנטוואָרטליכקייט אין דער אינדוסטריע, פון וועלכע די אַרבייטער ליידען אַמשטאַרקסטען, די רעזולטאַטען זיינען, אַז די אַרבייטער אַרבייטען גאַנץ לאַנגע שטונדען און נאָך דעם ווי זיי האָבען אָפּגעהאָרעוועט אַ שווערע וואָך אַריינגערעכענט דעם שבת און גאַנץ אָפט אויך אַ האַלבען זונטאָג נעהען זיי אַהיים מיט פאַרדינסטען וואָס קלעקען ניט פאַר וואַסער אויף קאַשע.

דיזער צושטאַנד הערשט ניט נאָר פאַר די אַפּריטאָרס. איך דערמאָן דאָ דיזען און פּרעסערס ליידען איצטער צוגלייך מיט די אַפּריטאָרס. איך שרייבט דאָ דיזען פונקט, ווייל ביז מיט אַ יאָהר צוריק זיינען נאָך די באַדינגונגען פאַר די קאַטערס און פּרעסער געווען ניט אַזוי שלעכט. אין פאַרגלייך מיט די אַפּריטאָרס זיינען זיי געווען פּרינצען, איצטער אָבער זיינען זיי שוין מיט זיי אויף איין שטאַנד. די דרעסמאַכער יוניאָן, וועלכע איז אין פאַרגלייך מיט דעם צוואוואוקס פון דער דרעס אינדוסטריע זעהר קליין מאַכט איצט דורך אַ שווערען קאַמף די אויבען דערמאָנטע קאָנדיציאָנען וואָס הערשט אין גאַנצען טרייד דריקט וואָס אַ טאָג מעהר אַרונטער די באַדינגונגען אין די עטליכע יוניאָן שעפּער און עס ווערט אַלע מאָל שווערער אויפצוהאַלטען די שווער אויסגעקעמפּטע באַדינגונגען וועלכע אונזערע דרעסמאַכער האָבען מיט בלוט און דזשייל טערמינען אויסגעקעמפּט.

די דרעסמאַכער זיינען אָבער ביי זיך ניט געפאַלען, אין גענענטייל די איצטיגע סוועט שאַפּ באַדינגונגען האָט ביי זיי אַרויס־גערופען אַ קאַמפּסלוסט און זייער געשריי איז איצטער: לאָמיר זיך ניט בויגען, לאָמיר אָנפאַנגען אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאַמף צו אָרגאַניזירען די ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער און צוזאַמען זיך אַביסעל פאַרגרינגערען דעם לעבען.

צום שלוס וויל איך זאָגען אַז מיר האָבען מיט אונז לעצטענס געהאַט זעהר אַן אָנגענעמען גאַסט אין דער פּערזאָן פון וויים פּרעזידענט דזשאָזעף ברעסלאָוו, וועלכער האָט אויף זיין וועג פון לאָס אַנדזשעלעס נאָך ניו יאָרק זיך אָפּגעשטעלט פאַר איינינע טעג אין שיקאַגאָ. ברודער ברעסלאָוו האָט באַזוכט איינינע לאָקאַלע מיטינגען און אויך אַ מיטינג פון דזשאָינט באָארד ער האָט יעדען מיטינג אַדרעסירט גענבענדיג אונז אַ באַגריף ווי עס לעבט זיך די קלאָוק און דרעס אַרבייטער אין די וויטע וועסטערען שטעט וועלכע ער האָט באַזוכט. מיר דאַנקען וויים פּרעזידענט ברעסלאָוו פאַר זיין בעזוך און פאַר זיינע וואַרעמע און האַרציגע ווערטער.

אַ גרוס פון די קלאָוקמאַכער אין באַלטימאָר

פון סאָול מעטץ

ווען מיר ריידען פון דער יוניאַן אין באַלטימאָר, וויל איך מאַכען אויפמערקזאַם די לעזער פון דער „נערעכטינקייט", ספּעציעל די מעמבערס פון די ניו יאָרקער לאָקאַלען פון אונזער אינטערנעשאָנעל, אַז זיי זאָלען ניט פאַרגלייכען באַלטימאָרער שעפּער, באַלטימאָרער באַלעבאַטים און אפילו די קלאָוק מאַכער צו די ניו יאָרקער.

איידער איך בין געקומען אַהער, ווען מען וואָלט מיך געפרעגט וואָס איז דער אונטערשיד צווישען דעם קלאָוק מאַכער פון ניו יאָרק און פון באַלטימאָר, וואָלט איך געענטפערט, אַז עס איז קיין חילוק ניטאָ, עס איז דער זעלבער קלאָוק מאַכער. עס מאַכט ניט אוים וואו ער איז, אין ניו יאָרק אָדער אין באַלטימאָר. אָבער אין דער אמת'ן איז עס אַ גרויסער טעות.

אין באַלטימאָר, און איך דענק אַז אין יעדער פּראָווינציעלער שטאָדט, איז דער געזעלשאַפטליכער לעבען אַ גאַנץ אַנדערער ווי אין ניו יאָרק. ביים ניו יאָרקער אַרבייטער אין דער געזעלשאַפטליכער געפיל אַנטוויקעלט אַ סך שטאַרקער ווי ביי דעם אַרבייטער פון אַ פּראָווינציעלער שטאָדט. אין ניו יאָרק געפינט זיך דער אַרבייטער אַ גרויסען טייל פון זיין לעדיגער צייט אין געזעלשאַפט, עס הייסט אויף מיטינגען פון זיין יוניאָן, פון אַרבייטער רינג, סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַמאָל אין טעאַטער, אין אַ רעסטאָראַן א. אַז. וו. מיט איין וואָרט, ער איז ניט קיין שטוב־זיצער און אַז ער רעדט צו אייך, רעדט ער פון דעם שטאַנדפּונקט פון „מיר". ווען איר רעדט צו איהם ער זאָל אריין אין דער יוניאַן, פרעגט ער: וואָס וועלען „מיר" האָבען דערפון? ווען איהר רופט איהם אין אַ סטרייק, פרעגט ער: וואָס וועט „אונז" אַרויסקומען דערפון?

אָבער עס איז גאַנץ אַנדערש מיט דעם אַרבייטער פון אַ פּראָווינציעלער שטאָדט. דאָ האָט ער קיין געזעלשאַפטליכען לעבען ניט. פון שאַפּ לויפט ער גלייך אַהיים. דעם סאַפּער, וואָס די ווייב גרייט איהם צו וועט ער ניט פאַרבייטען פאַר צוואַנציג מיטינגען. און אַז ער עסט אָפּ דעם סאַפּער, מיינט איר דאָך אַז ער טוט זיך אָן און לויפט צום מיטינג? האָט איהר ניט געטראָפען. ער פאַרדרייט דעם ציגאַרעטעל און הויבט זיך אָן באַרעכענען, אַז עס דאַרף איהם קאָסטען 20 סענט קאַר־פער, און מאַנכע האָבען קליינע סטאָרקעס און איינגענע הייזלאַך, איז מען ביזי מיט בילדינג אַסאָסיאיישאָנס און מיט געזעלשאַפטליכער אַרביים אינטערעסירט מען זיך ווייניג. דעם גרעסטען טייל פון זיין צייט פאַרברענגט ער אין דער היים, און אַז איהר רעדט צו איהם וועגען אריינגעהן אין דער אָרגאַניזאַציע, פרעגט ער: וואָס וועל „איך" דערפון האָבען? ביי דעם אַרבייטער פון דער פּראָווינץ איז דער „איך" אַ סך שטאַרקער ענטוויקעלט. ער קוקט אויף יעדער זאַך דורך זיין „איך", און דערפאַר פאַלט אויף דעם אָרגאַנייזער די אַרביים דאָפּעלט שווער, ווייל ער מוז דאָ אַפּעלירען צו דעם „איך". און דאָך, ניט קוקענדיג אויף די אַלע שוועריגקייטען איז דער אינטערנעשאַ־

ביי די דרעסמאכער, לאקאל 22

פון מ. בליושטיין סעק־רעטאר־טרעזשורער

עס איז אין גאנצען עטוואס מעהר פון 3 וואכען זינט די נייע אדמיניסטראציע פון אונזער לאקאל איז אריין אין אמט. עס נעמט געוועהנליך אביסעל צייט איידער מען ארגאניזירט די ארבייט פון אפיס און דער עקזעקוטיוו באארד אום מען זאל גלייך צוטרעטען צו דער ארבייט.

אין אמת'ן, אבער, בעדארף מען ניט זיין א סך לענגער אין אפיס צו באקענען זיך מיט דעם שרעקליכען צושטאנד פון אונזער טרייד, אונזערע מעמבערס און אונזער ארגאניזאציע. עס שוידערט ממש אויף די הויט ווען מען קוקט זיך צו נעהענטער צו דער שטופע צו וועלכער די אינדוסטריעלע לאגע האט געבראכט אונזערע אלטע בראווע דרעסמאכער.

אונטער די אומשטענדען איז גאנץ פארשטענדליך ווי שווער ס'איז די אויפגאבע פון דער איצטיגער אדמיניסטראציע. מיר זיינען אבער ניט ענטמוטהיגט. מיר האבען געוואוסט, כאטש ניט אויף אזוי פיל, ווי שווער די לאגע איז. מיר האבען בדעה אונטערצונעמען א געוויסען פראגראם.

וואס, אלזא, און ווי אזוי דענקען מיר דורכצופיהרען אונזער פראגראם. קודם כל איז נויטיג אז עס זאל אפגעשאפט ווערען די מחיצה צווישען די ברייטע שיכטען פון אונזער מעמבערשיפ און איהר פיהרערשאפט. די גלייכגילטיגקייט און אפאטיע וועלכע הערשט איצט אין אונזערע רייהען מוז אונטער אלע אומשטענדען אפגעווישט ווערען. אויב מיר קענען דאס ניט אויפטאן איז אומזיסט אונזער גאנצע טרחה.

מיר האפען דיזע צילען צו ערדייכען דורך דער עטאבלירונג פון 1) די דיסטריקט שאפ־טשערמאן מיטינגען; 2) דורך די פרייוויליגע ארגאניזיישאן קאמיטע און 3) דורך א פאזיטיווע און שטארקע שטעלונג צו די בעלי־בתים.

דיסטריקט שאפ־טשערמאן מיטינגען

מיר זיינען אלע איינפארשטאנען אז די לאגע אין דעם טרייד איז א שרעקליכע. א פארצווייפעלטע. די ארבייטער זיינען פשוט פארהונגערט. די ארגאניזאציע איז שרעקליך פאראָרעמט, סיי אין מאראלישען איינפלוס, סיי אין פינאנציעלע מיטלען. עפעס מוז גלייך געטאן ווערען און טאקע באלד, סיידען מיר זיינען צופרידען צו דערלאזען אז די לאגע זאל ווערען אין גאנצען אונקאנטראלירבאר.

קודם כל איז אונבאדינגט נויטיג אז מיר זאלען צוריקקריגען דעם צוטרויען פון אונזערע מעמבערס. דאס קענען מיר ערדייכען דורך אן ערנסטער אנשטרענגונג מצד יעדען יוניאן בעאמטען אריינרעכענענדיג אויך די עקזעקוטיוו באארד דעלעגאטען. צווייטענס, מוזען מיר זוכען נייע וועגען ווי אזוי ארום דערגרייכען די ברייטע שיכטען פון אונזער מיטגלידערשאפט. לויט אונזער איצטיגער פיהרונג ריידען מיר אלע מאל צו דעם זעלבען קרייז מענשען און לײדער א קליינעם קרייז. מיר מוזען שאפען א נעהענטערען קאנטאקט מיט אונזערע מעמבערס. אנקניפען און ענגער בינדען די פעדים וועלכע האלטען אונז אויף אלס איין פאמיליע. אט דאס ערווארטען מיר אויפצוטאן דורך די שאפ־טשערלייטע דיסטריקט מיטינגען.

מיר שלאגען פאר דאס די שאפ־טשערלייטע פון יעדען ביזנעס אגענטס דיסטריקט זאלען פארמירען פערמאנענטע ארגאניזאציעס. דער ביזנעס אגענט זאל באריכטען פון אלעם וואס טוט זיך אין זיין דיסטריקט, די קאמפליינטס וועלכע זיינען געשליכטעט געווארען און אויך וועלכע זיינען ניט געשליכטעט געווארען. וועגען די פרייזען וועלכע ווערען געצאהלט אויף געוויסע ליינס ארבייט, וועגען אלגעמיינע באדינגונגען א. אז. וו. מיר גלויבען אז ביי דיזע מאנאטליכע מיטינגען וועלען זיך די שאפ־טשערלייטע קענען בעסער צוזאמענריידען מיט זייער ביזנעס אגענט, אין שאפ קען מען דאס ניט טאן. אין אפיס — איז יעדער ביזנעס אגענט פארנומען, ווייל דער קלענסטער דיסטריקט באשטעהט פון איבער 60 שעפער, היינט וועלכער ביזנעס אגענט האט דאס ניט א פאר שעפער וועלכע צוליב אזא אדער אנדער סיבה נעמען ביי איהם אוועק א פאר אווענטען אין וואך? ביי די מיטינגען וועט יעדער ביזנעס אגענט קענען זעהן און דורכריידען זיך מיט אלע זיינע שאפ־טשערלייטע. אויב די צייט וועט ערלויבען וועט מען קענען דיסקוטירען אלגעמיינע טרייד פראבלעמען און מאכען געוויסע רעקאמענדאציעס. די טשערלייטע וועלען עס באריכטען צו זייערע שעפער און אזוי ארום וועט געשאפען ווערען אן אינטערעס אין אלעם וואס איז פארבונדען מיט דער יוניאן און איהר טעטיגקייט.

פרייוויליגע ארגאניזיישאן קאמיטע

דעם צוטרוי און ווילען מצד די מעמבערס וועלכע מיר האפען צו שאפען דורך די טשערלייטע מוז זיך קריסטאליזירען און פארמירען אויף אן ארגאניזירטען אופן. עס מוז געפינען אן אויסדרוק דורך א קאנצענטרירטע קערפערשאפט וועלכע זאל זיין בכח אונטערנעמען און דורכפיהרען געוויסע ארגאניזאציאנעלע פונקציעס וועלכע פאלען איצט אויף די פלייצעס פון די יחידים. דעריבער די פרייוויליגע ארגאניזיישאן קאמיטע באשטעהענד פון מעמבערס וועלכע האבען דעם גוטען ווילען צו העלפען ארגאניזירען און פראפאגאנדירען דעם יוניאן געדאנק צווישען די ארבייטער פון די ניט־יוניאן שעפער און ביי אלע אנדערע געלעגענהייטען.

אום ארויסצוברייינגען וואס מער אקטיוויטעט מצד דיזער קאמיטע האבען מיר באשלאסען אז זי זאל האבען איהר איינען פערוואלטונג. דאס וועט איהר צונעבען מעהר חשק אין דער ארבייט. אונזערע מענשען האבען ליב צו האבען א דעה אויף דער ארט און ווייזע לויט וועלכער זייער ארבייט זאל אנגעפיהרט ווערען, נאטירליך וועט די קאמיטע שטעהן אין ענגער פארבינדונג מיט דער אפיציעלער ארגאניזיישאן קאמיטע פון דער עקזעקוטיוו באארד.

אונזער באציהונג צו די בעלי בתים

א דאנק די ספעציפישע אומשטענדען פון אונזער טרייד האט אונזער באציהונג צו די בעלי בתים אנגענומען א מילדען כאראקטער, א טענדענץ צו פארשווייגען און אפט דורכלאזען קריוודעס וועלכע האבען מיט דער צייט געגעבען די בעלי בתים דעם איינדרוק אז די יוניאן מוז זיך בויגען צו אומשטענדען איבער דעם טאקע די אפטע און אונפארצייליכע פארלעצונגען פון די אגרימענטס. דעריבער די מיאוסע חוצפה מיט וועלכען מען באנעמט זיך צו אונזערע מעמבערס. דעריבער וואגט יעדער פינאט בעל־הבית צו ריידען אין א שארפען טאן צו די ארבייטער און זייערע יוניאן פארטרעטער. אזא צושטאנד טאר ניט געדולדעט ווערען. מיר בעדארפען זיי אנפאנגען צו לערנען אז זיי מוזען אפהיטען זייערע אגרימענטס, אז זיי קענען ניט שטעהן אין ביזנעס אויף דעם חשבון פון די ארבייטער. זיי מוזען אנפאנגען רעכענען זיך מיט אונזער יוניאן אלס א פאקטאר אין טרייד און ניט אלס זייערע א באשוועמליכקייט.

ביי דיזער געלעגענהייט ווילען מיר אויסדריקען אונזער דאנק — אין נאמען פון דער גאנצער אדמיניסטראציע — צו אונזערע מעמבערס פאר דעם צוטרויען וועלכען זיי האבען אונז געשאנקען דער מיט וואס זיי האבען אונז אנפערטרויט מיט דער פיהרערשאפט פון דער יוניאן. מיר ווילען האפען אז אונזער ווייטערדיגע האנדלונג וועט דינען צו פערשטארקערען דיזען צוטרויען מצד אלע מעמבערס, סיי די וועלכע האבען געשטימט פאר אונז און סיי די וועלכע האבען געשטימט געגען אונז. נאך אלעמען זיינען מיר דאך אלע אויסען איין זאך — בילדען א שטארקע יוניאן וועלכע זאל זיין בכח צו פארטיידיגען אונזער אלעמענס אינטערעסען, כדי צו מאכען דעם לעבען פון דעם ארבייטער גרינגער און שעהנער. מיינונגס פארשידענהייטען מעגען מיר האבען און מיר מעגען זיך ביי זיי האלטען אזוי לאנג ווי מיר פארשוועכען ניט דעם עיקר, דעם ציעל פון טרייד יוניאניזם און איבערהויפט פון דעם ראדיקאלען טרייד יוניאניזם.

GERECHTIGKEIT *(Justice)*

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. XIII. No. 9. **Jersey City, N. J., July, 1931** **Price 10 Cents**

סלעק־צייט געדאנקען

„סלעק" איז קיין נאווינע ניט ביי קלאוקמאכער אדער דרעסמאכער. ס'איז א טייל פון דער רוטינע פון זייער לעבען — ס'איז די איינציגע זאך מיט וועלכער זיי זיינען אימער זיכער. עס איז די אונפארמיידליכע קראנקהייט פון דער אינדוסטריע, פון וועלכער זיי דארפען מאכען א לעבען.

זיכער זיינען דא אנדערע סיזאן־אינדוסטריעס אין אמעריקא וואו מען ארבייט ניט שטענדיג; קיין אנדער אינדוסטריע אבער איז ניט אונטערווארפען צו אזא משונה'דיגער, פיבערהאפטער אומזיכערקייט ווי אונזערע. ווי א שווערד הענגט אט דיזע אומזיכערקייט איבער די קעפ פון אונזערע ארבייטער, ווייל קיינער אין דער אינדוסטריע ווייס איינענטליך קיינמאל ניט ווי לאנג א סלעק סיזאן וועט זיך ציהען און וויפיל ארבייט דער זאגענאנטער ביזי סיזאן וועט ברענגען. און אין אן אלגעמיינער שלעכטער צייט ווי איצט, מאטערט דיזע אומזיכערקייט נאך שווערער, נאך ביטערער.

דער סלעק סיזאן ברענגט אבער ספעציעלע שוועריגקייטען ניט בלויז פאר דעם איינצעלנעם ארבייטער אין און אויסער'ן שאפ, עס ברענגט אויך ספעציעלע פראבלעמען פאר דער יוניאן אלס א גאנצע. אין סלעק צייט באקומען פילע באלעבאטים א גרעסערען חשק צו פארלעצען יוניאן־קאנדישאנס אין די שעפער, צו מאכען „דיעלס" מיט „שוואכערע" ברידער צו ארבייטען פאר „בארגיין" פרייזען, לענגערע שטונדען א. אז. וו., און אזעלכע „דיעלס" טאר די יוניאן ניט דולדען און מוז זיי אויסראטען מיט'ן ווארצל. אויסער דעם קומט צו די וויכטיגע פראגע פון גלייכע צוטיילונג פון דאס ביסעל ארבייט וואס איז דא אין שעפער צווישען אלעמען — א פראגע וואס פאדערט טאקט, מיה און אויסנעהאלטענקייט.

דארפען מיר דא ניט דערקלערען אונזערע מיטגלידער, אז מיט אונזער בעסטען וואונש און ווילען פארבלייבט דאך די סלעק און ביזי פראבלעם דער איינציגער גרויסער פאקטאר אין אונזער אינדוסטריע, וועלכען מיר קענען דערווייל ניט האפען אפצושאפען אדער אויסצומידען. עס פארבלייבט פאר אונז בלויז צו טאן אלעס וואס מיר זיינען אימשטאנד צו פארקלענערען דעם שאדען וואס עס פארשאפט און אנצונעמען אלע מיטלען וואס מיר קענען אז עס זאל ניט צושטערען די ארבייטס־באדינגונגען אין די שעפער. און דאס איז א פליכט וואס ליגט ניט בלויז אויף די באאמטע, נאר אויף יעדען איינצעלנעם געטריען מיטגליד פון דער יוניאן.

וועגען דער צווייטער „רעארגאניזיישאן"

עס איז נאך ניט מעגליך, ווען מיר שרייבען דיזע שורות, גענוי אפצושאצען וויפיל אינדאסטריעל קאונסיל שעפער וועלען זיך באנוצען ענדע דיזען מאנאט מיט דער „רעארגאניזיישאן" פריווילעגיע — דעם צווייטען און לעצטען מאל זינט דער אגרימענט איז אונטערגעשריבען געווארען אין דזשון, 1929 — און אויך וויפיל ארבייטער וועלען דורך דעם געטראפען ווערען. אויב מיר זאלען אורטיילען לויט פאר־א־יאהריגער ערפאהרונג, וועט די צאהל פון אפגעזאגטע ארבייטער זיין פארהעלטניסמעסיג קליין, אויב די „רעארגאניזיישאן" וועט דורכגעפיהרט ווערען לויט אלע באגרענעצונגען וואס זיינען אין אגרימענט פארשריבען.

די יוניאן אבער פארלאזט זיך ניט אויף נסים. דער קלאוק דזשאינט באארד האט ארויסגעשיקט צו אלע שאפ טשערלייטע אינסטראקשאנס, אין וועלכע זיי ווערען אויפגעפאדערט אכטונג צו געבען מיט ביידע אויגען און אויפ'ן שטעל באריכטען אין אפים יעדען פאל וואו א „רעארגאניזיישאן" ווערט אומגעזעצליך דורכגעפיהרט. א פירמע קען זיך ניט באנוצען מיט'ן „רעארגאניזיישאן" רעכט סיידען זי האט באשעפטיגט אלע ארבייטער ניט ווייניגער ווי 32 וואכען אין פארלויף פון יאהר; הא באשעפטיגט ניט ווייניגער ווי 40 ארבייטער דורכ'ן יאר; קיין ווידזשעס ניט פארקלענערט; בלויז 10 פראצענט פון די ארבייטער מעגען אפגעזאגט ווערען; א וואך ווידזשעס מוז געגעבען ווערען יעדען אפגעזאגטען ארבייטער; די פלעצער פון די אפגעזאגטע מוזען פארנומען ווערען פון נייע ארבייטער ניט שפעטער ווי דעם 15טען דזשולאי; קיין דיסטשארדזש פאר יוניאן־טעטיגקייט, און פילע אנדערע וויכטיגע פונקטען.

עס בלייבט איצט איבער פאר די שאפ־טשערלייטע און אלע אקטיווע ארבייטער אין די „אינסייד" שעפער צו העלפען דעם דזשאינט באארד דורכצופיהרען, אז דיזע אלע באגרענצונגען זאלען אפגעהיט ווערען. ווען דאס וועט געטאן ווערען, זיינען מיר זיכער, אז די צאהל וואס וועט ענטזאגט ווערען דורך דיזער „רעארגאניזירשאן" וועט זיין ניט קיין באדייטענדע, און די יוניאן וועט ניט האבען קיין שוועריגקייט צו געפינען פאר זיי דזשאבס ווען דער סיזאן וועט זיך אנפאנגען.

פרעז. שלעזינגער'ס באזוך אין באסטאן, און פילאדעלפיע.

פרעז. שלעזינגער'ס ארויספאהרען קיין באסטאן און פילאדעלפיע אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע וואכען, די ערשטע אומאורטאון רייזע וואס ער האט געמאכט זינט ער איז קראנק געווארען לעצטען אקטאבער, וועט באגריסט ווערען פון אונזער גאנצער מיטגלידערשאפט אלס דער בעסטער באוויז, אז ער האט זיך שוין פעסט גענומען פאר די וויכטיגע, פאראנטווארטליכע ארבייט אין דער אינטערנעשאנאל.

עס שטעהען איצט אין אונזער יוניאן אויפ'ן טאגעס ארדנונג, אין יעדען וויכטיגען צענטער פון אונזער אינדוסטריע, פראגען פון אונגעהויערער וויכטיגקייט, פראבלעמען וואס קאנען זיך ענטוויקלען אין שארפע קאמפען פאר דער אויפהאלטונג און פארזיכערונג פון ארבייטס־ און לעבענס־באדינגונגען וואס האט גענומען א גאנצען דור אויסצוקעמפען. פרעזידענט שלעזינגער'ס לייטונג פון אונזער יוניאנ'ס טעטיגקייט אין דיזער שווערער פעריאדע פון עקאנאמישען שטורם און דראנג, וועט פארשטארקען אונזערע פאזיציעס און וועט צוגעבען קאמפפלוסטיגקייט און א גרעסערען גלויבען אין אונזערע כחות צווישען די רייהען פון אונזערע ארבייטער.

די דרעסמאכער איבער'ן לאנד ווילען האבען א יוניאן

די פאדערונגען פאר ארגאניזאציאנס קאמפיינס פון יעדען דרעס מארקעט איבער'ן גאנצען לאנד ווערען פון טאג צו טאג אלץ מעהר דרינגענד.

דער פארלאנג פאר א שטארקע יוניאן

רעזאָלוציעס און דאַנקזאַגונגען

פּרעזענטירען דעם ביזנעס־איידזשענט.

מיר, די אַרבייטער פון סעמועל באַרט, 463 7טע עוועניו, באַשליסען ביי אַ שאַפּ מיטינג צו פּרעזענטירען דעם ביזנעס איידזשענט, ל. סטאַלבערג, מיט אַ פּרעזענט און באַדאַנקען איהם פאַר די גוטע אַרבייט וואָס ער האָט געטאָן פאַר'ן בענעפיט פון אונזער שאַפּ.

קאָמיטע:

דזשייק סאַראַף, לאָק. 1, לעד. 6316,
שאַפּ טשערמאַן.
מאָריס ליכטמאַן, לאָק. 1, לעד. 223.
אייזיק קריימאַן, לאָק. 9, לעד. 4903.
היימאַן אַסטראַף, לאָק. 1, לעד. 8228.
לואיס ראַדזשערס, לאָק. 1.

רעזאָלוציע פון ליטאַף בראַדערס קלאָוק שאַפּ.

מיר, די אַרבייטער פון ליטאַף בראַדערס שאַפּ, 50 וועסט 17טע סטריט, פערזאַמעלט ביי אַ שאַפּ מיטינג מאָנטאַג, דעם 30טען מאַרטש, 1931, אין אָפיס פון דער דזשאָינט באָארד, באַשליסען אָנצונעהמען פאָלגענדע רעזאָלוציע.

נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט אַז די ברידער ל. ראָזענבלאַט, דיסטריקט מענעדזשער פון אַמער־ריקאַן דעפּאַרטמענט פון דער דזשאָינט באָארד און היימאַן סאָלצבערג אונזער ביזנעס איידזשענט האָבען געלייסטעט זייער בעסטע דינסט אַלס פאָרשטעהער פון דער יוניאָן און האָבען קאָלעקטירט פון אונזער פירמע אַ טאָג וויידזשעס פאַר „קריסטמעס יום טוב" און,

נעמענדיג אין אַנבעטראַכט אַז די אויבענדערמאָנטע ברידער ראָזענבלאַט און סאָלצבערג זיינען אַלע מאָל אויף דעם פּלאַץ צו זעהן אַז די יוניאָן באַדינגונגען זאָלען אויפגעהאַלטען ווערען, זיי עס דעריבער,

באַשלאָסען אויסצודריקען אונזער הערצליכען דאַנק אין נאָמען פון די אַרבייטער פון אונזער שאַפּ צו די אויבענדערמאָנטע בעאַמטע פון אונזער יוניאָן און מיר פאַרשפּרעכען זיי אונזער פולע קאָאָפּעראַציע אין אַלע צייטען ווען עס וועט זיך האַנדלען צו פאַרשטאַרקערען אונזער יוניאָן.

זיי עס ווייטער בעשלאָסען אַז די געלד וואָס איז קאָלעקטירט געוואָרען זאָל איבערגעגעבען ווערען צו דעם אָרגאַניזיישאַן דעפּאַרטמענט פון דער דזשאָינט באָארד אַנצופיהרען די אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט פון דער יוניאָן.

קאָמיטע:

ל. קאָופמאַן, לאָק. 9, לעד. 2146,
שאַפּ טשערמאַן.
ד. ברענער, לאָק. 1, לעד. 11349.
איזידאָר גאַנטש, לאָק. 1, לעד. 10493.
ה. בודניצקי, לאָק. 9, לעד. 2525.
ל. קאַטערינאַ לאָק. 9, לעד. 3839.
ב. שליטצקי, לאָק. 35, לעד. 3858.

מיר, די אַרבייטער פון י. קאַמינסקי'ס שאַפּ, 1370 בראָדוויי, פאַרזאַמעלט ביי אַ שאַפּ מיטינג, מיטוואָך, דעם 13־טען מאַי אין דזש. באָארד אָפיס נעמען אָן די פאָלגענדע רעזאָלוציע:

אין אַנבעטראַכט, אַז דער צושטאַנד אין אַלגעמיין אין די שעפּער פון אונזער פאַך איז אַן אומנאָרמאַלער, און אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם האָבען זיך אויך אין אונזער שאַפּ אַנגעקליבען פאַרשידענע קאָמפּליקאַציעס וואָס האָבען געדראָהט צו באַזייטיגען די אַנגענומענע יוניאָן סטאַנדאַרדס פון אונזער שאַפּ.

און אין אַנבאַטראַכט, אַז בלויז אַ דאַנק די ענערגישע שטעלונג פון דעם ביזנעס איידזשענט בר. ל. גאָלדסטיין וואָס שטענדערט א י צ ט אונזער שאַפּ, איז איהם געלונגען דורך אויסערגעוועהנליכער אַנשטרענגונג די אַלע קאָמפּליקאַציעס צו באַזייטיגען, און שליכטען אַלע סכסוכים צו דער צופרידענהייט פון אַלע אַרבייטער אין שאַפּ.

זיי עס דאַרום באַשלאָסען: אויסצודריקען עפענטליכען דאַנק צו ברודער גאָלדסטיין, דעם ביזנעס איידזשענט און בר. סלוצקי, דעם מענעדזשער (אונטער וועמענס אויפזיכט אונזער שאַפּ געפינט זיך) פאַר דער גוטער אַרבייט אין באַצוג אונזער שאַפּ.

און באַזונדערס באַשליסען מיר בר. גאָלדסטיין צו פּרעזענטירען מיט אַ ווערטפולען פּרעזענט. איינשטימיג דריקען מיר אויך אויס אונזער אָנערקענונג און דאַנק צו איינעם פון אונזערע מיטאַרבייטער אין שאַפּ, ברודער מאָריס וויינקראַנץ וועלכער האָט דערטעגליכט אַז דאָס אַלעס זאָל צושטאַנד געבראַכט ווערען.

מיט אַכטונג און ברודערליכען גרוס,

טעסלער, טשערמאַן.
מ. וויינקראַנץ, לאָקאַל 1.
ע. האָרוויץ, לאָקאַל 1.
ד. טאָרג, לאָקאַל 9.
ע. סיגעל, לאָקאַל 9.
אַסטרעכאַן, לאָקאַל 35.

דאַנק רעזאָלוציעס.

מיר, די אַרבייטער פון גרינבערג און טשאַטאַנאָף, 266 37־טע סטריט, האָבען זיך פאַרזאַמעלט ביי איין שאַפּ מיטינג מאָנטאָג, אַפּריל, דעם 27טען אין דער דזשאָינט באָארד אָפיס, אָנערקענענדיג די גוטע אַרבייט פון אונזער ביזנעס אַגענט ברודער אייבערהעם עפּקין, לאָק. 9, האָבען מיר באַשלאָסען צו פּרעזענטירען איהם מיט אַ גאָלדענער ווריסט וואַטש, מיר פאַרהאָפען אַז אין דער צוקונפט וועט ער שטענדען די ביזנעס פון שאַפּ אַזוי ווי ביז יעצט.

ד. פיינעלבוים, לאָק. 1, טשערמאַן.
מאַקס מאַקס, לאָקאַל 1.
טשאַרלי בוענסטיין, לאָקאַל 82.
סעם קאַשינסקי, לאָקאַל 35.

מיר, די אַרבייטער פון לואיס וואָוירקמאַן, 265 וועסט 37טע סטריט, האָבען ביי אַ שאַפּ מיטינג באַשלאָסען אויסצודריקען אַ דאַנק און אָנערקענונג צום ביזנעס איידזשענט אייב עפּקין, פון לאָקאַל 9 און דיסטריקט מענעדזשער ת. סלוצקי, פאַר זייער גוטער אַרבייט, וואָס זיי האָבען געלייסטעט פאַר אונז.

ביזנעס איידזשענט עפּקין ווערט פּרעזענטירט מיט אַ גאָלדענער פאָונטען פּען.

י. וואָלינסקי, טשערמאַן, לאָק. 35.
ד. וואַגנער, לאָקאַל 9.
ל. בערגער, לאָקאַל 1.
מ. אַשהינסקי, לאָקאַל 1.

טרויער רעזאָלוציעס.

מיר, די אַרבייטער פון דער פירמע קריימער און ראָטה, 520 — 8טע עוועניו, באַדויערען זעהר שטאַרק דעם פּלוצלונגען טויט פון אונזער מיטאַרבייטער און פריינד ת. שאַפּיראָ, וועלכער איז פּלוצלונג אַוועקגעריסען געוואָרען פון אונזערע רייהען, שבת, דעם 25טען אַפּריל.

ת. שאַפּיראָ איז אַלע מאָל געווען אַן איבערגעגעבענער יוניאָן־מאַן און איינער פון די ערשטע פּיאָנערען און קעמפער פאַר זיין קלאַס. נאָך אין 1910 איז ער געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע סטרייקער אין'ם באַריהמטען קלאָוקמאַכער סטרייק, און ביז די לעצטע טאָג פון זיין לעבען געבליבען געטריי צו זיין קלאַס.

מיט טרעהרען אין די אויגען, מיט וועהטאָג און צער, דריקען מיר אויס אונזער מיטגעפיהל צו זיין פרוי און קינדער. עהרע זיין אָנדענקען.

סעם ראַדזשערס, לאָקאַל 1.
ניימען לעווין, לאָקאַל 1.
סעם פיינבערג, לאָקאַל 9.
לואי פרידמאַן, לאָקאַל 10.
סאַקערמאַן, לאָקאַל 35.
ראַמעאַ, לאָקאַל 48.
רעזאָלוציאָנס קאָמיטע.

מיר, אַלע אַרבייטער פון דער פירמע קלאַן און פּיוואָוויץ, 45 איסט בראָדוויי, באַדויערען זעהר דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער אַקטיווען ברודער לואיס גאָטליב, לאָקאַל 9, פון 599 וואַטקינס סטריט, ברוקלין.

אין דער זעלבער צייט האָבען מיר אויף דעם פאַרלאַנג פון ברודער קאַרל בערקאָוויץ, אַלס ביזנעס אַגענט מיט דער בייסטייערונג פון דער פירמע איינגעקאַסירט 25 דאָלאַר פאַר דער פאַמיליע פון פאַרשטאָרבענעם ברודער, צו עהרען זיין אָנדענקען מיט די בעסטע וואונשען און טרויסט פאַר זיין פאַמיליע.

מאַקס ראָה, טשערמאַן, לאָק. 35.
פיליפּ אוירמען, לאָקאַל 9.
אייבערהעם פענט, לאָקאַל 1.

נעל געלונגען לעצטען יאהר צו ארגאניזירען די קלאוק מאכער אין באלטימאָר. און די קלאָוק מאכער אין באַלטימאָר האָבען פאַרשטאַנען די שוועריגקייטען, וואס די אינטערנעשאָנעל האָט געהאַט. דערפאַר האָבען זיי געפייערט דעם ערשטען יאָהר פון זייער עקזיסטענץ מיט א באַנקעט. און זיי האָבען געהאט מיט וואס זיך צו פרעהען.

ווען די אינטערנעשאָנעל האָט געשיקט וויס־פּרעזידענט י. האלפּערין קיין באלטימאָר, איז דאָ קיין יוניאן ניט געווען. אין די שעפּער האָט מען געארבייט שטונדען אזויפיל וויפיל דער באָס האט געוואלט, און די פּרייזען זיינען דאָך געווים געווען אזעלכע ווי דער באָס האט געוואָלט. און כדי אָנצוהאלטען דעם דזשאב האָט מען געדאַרפט לעקען דעם באָלעבאָס די שיך אָדער זיין פאר אים א שפּיאן אין שאָפּ, פון וואס מאנכע קענען זיך נאָך יעצט ניט באפרייען. און אז א באָס האט אויסגעפונען דורך זיינע שפּיאָנען, אז איינער איז אומצופרידען מיט די קאָנדיציאנען האָט דער באַטרעפענדער שוין קיין דזשאב אין שטאָדט ניט געקאָנט קריגען. ער האט געמוזט פאַרלאָזען די שטאָדט.

איצט זעהט די ענדערונג: די ארבייטס־שטונדען האָט מען דעם יאהר פארקירצט אויף 44 א וואָך און פון דעם קומענדיגען ערשטען דזשולייי פאננט מען אָן ארבייטען 42 שטונדען און א 5־טעגיגע וואָך. פּרייזען ווערען נעסעטעלט מיט א קאָמיטע, וועלכע ווערט געוועהלט פון די ארבייטער אין שאָפּ און ביי יעדען פרייז סעטלען געפינט זיך דער ביזנעס איידזשענט. און די ארבייטער פון די שעפּער האָבען צוגענעבען, אז זיי האָבען נעקראָגען מיט 10 און 20 פּראָצענט מעהר ווי פריהער. דער ארבייטער איז אויך זיכערער געוואָרען מיט זיין דזשאב. די באלעבאַטים וואָרפען מעהר ניט די ארבייטער פון די שעפער, הגם מאנכע פון זיי ווילען עס זעהר.

מיר האָבען נאָך א פּאָר שעפּער צו ארגאניזירען און איך האָף, אז די דזשענעראל עקזעקוטיוו באָארד וועט אָננעמען מיטלען ווי צו פארענדיגען די אָרגאניזאַציאָנס ארבייט אויף וועלכע זי האָט אויסגעגעבען אזוי פיל געלט און מי און ברענגען דאָס צו א פאלשטענדיגען ערפאָלג.